N.Y:$13 LON:£11.50 EU:€12 fl.140 01.10.2025 1 וויליג 1729

# משפחה



# ר' יואלי

לראשונה בחייו **המיליארדר החסידי יואלי לנדא** מעניק ריאיון אישי חשוף שבו הוא עונה על הכל ומגולל את סיפור חייו ומפעל שליחותו. אריה ארליך

יצחק קסלמן, החסיד שמכהן כסגן נשיא מיקרוסופט העולמית יוסי אליטוב

## הבנש"קים

נכדי האדמו"רים מדברים על הצדדים המורכבים שמאחורי התהילה. צבי אסקל

## הרפתקה

מאיר אלפסי יצא למסע נועז במדינה הכי מסוכנת באפריקה. יומן מצולם



## הוורדיגרים

הסבא מרדכי בן דוד, הבן יידל והנכד חיים־לייזער בפסגה משפחתית מרגשת

## תגלית בדרזניץ

ישראל א' גרובייס מגלה את בית מגוריו של ה'חתם סופר'



ידרת זועמב הללבזית ה

ינב רוסקו השע הממי

עבורב הייחאדה
תורייבב ןונבלבש
דרשו ידכ **יטמרד**

**די געשיכטע פונעם ביליאנער יואלי לאנדא הייבט זיך נישט אן מיט א גאלדענעם לעפל אין מויל: שוועריגקייטן ביים לערנען, בוליאינג אין חדר, און אן ערנסט דחקות׳דיגע שטוב. דאך האט ער באוויזן זיך ארויסצודרייען און אפצייכענען א היסטארישן זיג קעגן אלע אויסזיכטן | אצינד טוט ער צום ערשטן מאל אויפוויקלען זיין שטורמישע לעבנסגעשיכטע, ווען אלע קארטן זענען אויפן טיש**

**אריה ארליך** בילדער: אבי קוגלסקי

פרייער איבערזעצ ונג פון ׳משפחה׳ מאגאזין

# מ[illegible]ל איז איבערצואווייזן אז מ׳קען פירן ריזן געשעפטן פון ביליאנען, אין הארץ פון מאנהעטן, און פארבלייבן א חסידי׳שער יונגערמאן מיט לאנגע פיאות און

# וואלענע ציצית אינדרויסן!



נאכדעם״.
אין זיין מאנהעטענער
ביורא

ד

**״יואלי לאנדא, ווער האט דיר געשטעלט אלס דעה-זאגער?״**

**״יואלי, פאר וועלכן סיבה פליסטו ארום מיט פריוואטע עראפלאנען?״**

**״יואלי, וואס**

י געשיכטע פונעם ביליאנער יואלי לאנדא הייבט זיך נישט אן מיט א גאלדענעם לעפל אין מויל: שוועריגקייטן ביים לערנען, בוליאינג אין חדר, און אן ערנסט דחקות׳דיגע שטוב. דאך האט ער באוויזן זיך ארויסצודרייען און אפצייכענען א היסטארישן זיג קעגן אלע אויסזיכטן. אצינד טוט ער צום ערשטן מאל אויפוויקלען זיין שטורמישע לעבנסגעשיכטע, ווען אלע קארטן זענען אויפן טיש.

**״מיין עיקר ציל אין לעבן איז צו ווייזן פאר דער וועלט אז מען קען פירן ערנסטע געשעפטן אין מאנהעטן און פארפיגן אויף הונדערטער מיליאנען און אפילו ביליאנען דאלארן, אבער פארט זיך האלטן און גיין מיטן פולן חסידישן טראגע, לאנגע פאות און א וואלענער טלית קטן, און מקדש שם שמים זיין.״**

פון פרי פארטאגס זיצט שוין ר׳ יואל איבערן גמרא ביי זיך אין שול און הייבט זיך נישט אויף פון ארט ביז נאכמיטאג. הערשט דאן גייט ער אריבער צו זיינע אפיסעס, וועלכע געפינען זיך אין איינע פון די מערסט לוקסוריעזע וואלקן קראצער אין מאנהעטן, און אנגעטון מיטן הוט און רעקל צייגט ער פאר דער וועלט דעם אומגלויבליכן מציאות אז מ׳קען אנפירן מיט אן אימפעריע פון ביליאנען און דאך בלייבן און זיך פירן ווי א פולקאמער חסידישער איד.

ליינט איבער דעם אינגערמאן וואס האט אנגעהויבן זיין לעבן מיט א מאגערן טויזנט דאלאר אין טאש, און געשלאפן ווי א היימלאזער אויף א פארלאזענער באנק אין שול, ביז ער האט זיך ארויפגעדראפעט אויפן לייטער פון סוקסעס, און ציילט זיך היינט צוטאגס אלס איינער פון דעם העכערן ליגע, זייענדיג פון די ניו יארקער מיליאנערן. ר׳ יואל׳ס מאטא איז ׳ויגבה לבו בדרכי ה׳׳. אצינד, אין אן היסטארישן ערשטמאליגן שמועס רעדן מיר איבער אלסדינג: צו

וואס פעלט אים אויס דער פריוואטער פליגער, וויפיל געלטער פארטיילט ער פאר צדקה, און פון וואנעט ער נעמט זיך דעם קוראזש אויסצומוסר׳ן דעם חרדי׳׳שן ציבור און זייערע מנהיגים אין ארץ ישראל.

●

״יואלי לאנדא, ווער האט דיר געשטעלט אלס דעה-זאגער?״

״יואלי, פאר וועלכן סיבה פליסטו ארום מיט פריוואטע עראפלאנען?״

״יואלי, וואס עפעס מיינסטו אז דער גערער רבי מוז ליינען דיין קנאות׳דיגע אידעאלאגיע אין א בריוו?״

אן א שיעור שאלות האבן געווירבלט ביי מיר אין קאפ ווען כ׳האב זיך געוואנדן צום נגיד וואס איז פארוואנדלט געווארן אין דעם געשפרעך פון טאג ביים חרדי׳׳שן ציבור.

די שאלות ווערן געפרעגט אין א צייט וואס דער נאמען 'יואלי לאנדא' ווערט דערמאנט כמעט אין יעדן שמועס אין ביהמ"ד, און עס מאכט זיך היינט זעלטן אז א געשמאקער דיסקוסיע אין א היימישער קרעמל זאל געפירט ווערן אן דעם וואס זיין נאמען זאל ערגעץ וואו ארויפשווימען. עס זענען דא די וואס קוקן אויף אלע זיינע הנהגות מיט א פאזיטיוון בליק, מאנכע קריטיקירן עס שארף, און געוויסע וואונדערן זיך פשוט וואס קומט דא פאר. דער צד השווה איז אבער אז ס'איז לכאורה נישט דא קיין היימישער איד וואס האט נישט עפעס א מיינונג, אדער ווייסט נישט צו זאגן פון דעם ערשיינונג וואס רופט זיך יואלי לאנדא.

ר' יואל איז דער חסידישער באראן פון וויליאמסבורג. אינטערעסאנט איז אז ער זעלבסט, מיטן שעמעודיגן שמייכל און כיטרע טיפזיניגע בליקן, קוקט נישט אמאל אויס ווי א חלק פון דאס אלץ אויבנדערמאנט. ער 'שוועבט' העכער דעם, און ס'קוקט נישט אויס ווי עס אינטערעסירט אים בכלל די

ע
אידעאלא
גיע אין א
בריוו?״

רבי מוז
ליינען
דיין
קנאות׳דיג

עפעס
מיינסטו
אז דער
גערער




און געטומלען, און דער הו-הא גערודער. אלץ איז ער
ען מיטן קומענדיגן שריט זיינעם.
רייטהארציגקייט פארמאגט גאר אינטערעסאנטע שפיצן. פון
ט דערקענט זיך זיין גאר ברייטער לעבנסשטייגער, ספעציעל
וואטער דזשעט מיט וועלכן ער פליט ארום איבער דער
ואס דאס איז עפעס וואס גאר ווייניג ביזנעסלייט און
ראפן ערלויבן זיך. אויב זענט איר געווען אין קערעסטיר איז
שט מעגליך געווען אויסצומיידן דעם רעש פון די
פטערס וועלכע זענען געפלויגן העכער דעם שטילן שטעטל
ארן, טראגנדיג אין זיך ר' יואל און זיין סוויטע. אגב,
ט גוט דעם ווארט 'מנין,' וואס אן דעם וועט זיך יואלי לאנדא'ס
נישט הייבן, ווי איר וועט שפעטער ליינען אינעם
אליגן און היסטארישן שמועס וואס מיר האלטן אפ.
וי האסטו באוויזן צו
וויוען יואלי לאנדא"? וועלן מענטשן זיכער יעצט האלטן אין
און ס'איז טאקע א גוטע שאלה. יואלי לאנדא האט קיינמאל
וואלט רעדן מיט קיין מידיא און צייטונגען, און זיכער נישט
אין אן אפיציעלן פארמאט פון א שמועס פנים אל פנים. די סיבה
דערצו איז קלאר. ס'פעלט אים נישט אויס. אגב, אין מיינע אכצן יאר
פון שרייבן אינטערוויוס האב איך זיך דערלערנט פונקטליך וואסערע
סארט מענטשן וועלן גרייט זיין צו געבן אינטערוויוס:

דער ערשטער - איינער וואס וויל משפיע זיין.

דער צווייטער - איינער וואס וויל זיך אדווערטייזן.

דער דריטער - איינער וואס וויל אביסל כבוד.

פאר יואלי לאנדא'ן פעלט גארנישט פון די דריי אויבנדערמאנטע. השפעה האט ער גענוג מיט זיין געלט; אדווערטייזמענט איז דאך אפגערעדט,



צום גערער רבי'ן, און משום מה האט עס ארויסגעליעקט צו דער גאנצער וועלט - מוזטו ענטפערן פארן עולם די אלע שאלות וואס זיי ווילן הערן; אויב שטייסטו אין צענטער פון א זאל און דו רופסט אויס קבל עם ועולם 'לא מדובשך ולא מעוקצך' איבערקערנדיג דעם מדינה קאפויער, פארטיילנדיג זיבן מיליאן דאלאר כלאחר יד, און נאך מיט פאמפע און פאראדע, אפפערנדיג אלע אנדערע קהילות אין ארץ ישראל זיך אנצושליסן אינעם סאטמארער שיטה, כאילו זיי האבן נישט זייער אייגענע מסורה און אידעאלאגיע, מוזטו זיי ענטפערן".

הערנדיג דאס האט ער זיך איבערגעטראכט, און כ׳האב באמערקט אז ער האט זיך עטוואס געבראכן. פונקט ווי יעדער סאטמארער איד, האט יואלי אויך ליב זיך צו מתווכח זיין. "לאמיר עס שטעלן אין פלאץ," האב איך אים פארגעשלאגן. דאן בין איך ארויף אויפן פליגער מיט דעם איין ציל זיך באקאנט צו מאכן מיט דער אמת'ער און גאר אינטערעסאנטער זייט פונעם נגיד,



קיינמאל נישט מוותר אויף תפילה בציבור. א מנין מנחה
אין די ׳פינטע פארטנערס׳ הויפטקווארטירן

שמו... ...ייסן אז ...מען אים שוין ...ט זיין ...ן מיר ...שייכות ...ל. דער הויפט ...עם שמועס איז ...שיכטע וואס ר׳ ... אויף צום ... אין זיין לעבן. ... פון א ברכת ...האט ...דעט אויף זיין ...אלע אויסזיכטן ...שאצונגען. א ...ן בלויז סייעתא ... א ספעציעלע ...מל וואס איז ...ען צום ...ינד אין חדר. ... געשיכטע פון א

...ל מיט שווערע

וואס איז בארימט געווארן איבער דער וועלט אלס 'יואלי לאנדא.'

יא, ס׳זענען געווען שווערע שאלות, און כ׳האב אויך באקומען גאר אינטערעסאנטע אומפאראויסגעזעענע תשובות, און באופן כללי האט זיך אנטפלעקט גאר אן אנדער בילד איבער דעם מענטש וואס שטייט אונטער אלע העדליינס. מיטאמאל האב איך זיך אנגעשטויסן אין זיין ביישנות, און אויב כ׳קען זיך אויסדרוקן, אפילו תמימות. ס׳איז שווער צו גלייבן אז עמיצער וואס דרייט הונדערטער מיליאנען זאל נחשד ווערן אין תמימות, אבער טאקע דערפאר איז דא ביי אים אן ערנסטער דיפרענץ צווישן די טעגליכע גשמיות׳דיגע ענינים ווי ביזנעס און געלט, וואס דארט איז ער פון די מערסטע פיפיגע און כיטרע ביזנעסלייט אינעם גרויסן מאנהעטן, צו די רוחניות׳דיגע מילי דשמיא, וואס דארט שטעלט זיך ארויס א פערזענליכקייט וואס דעמאנסטרירט קלאר דעם 'התהלך עמו בתמימות ותצפה לו' וואס ווערט געברענגט אין רש"י. און אין דעם, מורי ורבותי, איז נישטא קיין גרעסערער תמים ווי יואלי לאנדא.

דאס דערקענט זיך אין זיינע אויגן וועלכע בליצן אויף ביים באגעגענען זיך מיט א פרישן חידוש אדער ציטאט פון א פארצייטישן חסידישן ספר, דאן לייכטן זיי נאך אסאך מער ווי ווען עס קומט אונטערצושרייבן א ביזנעס דיעל וואס וועט אים אריינברענגען נאך עטליכע הונדערט מיליאן דאלאר.

דער עיקר חשיבות פון דעם אינטערוויו איז נישט איבער זיין עשירות, דאס ווערט דאך שוין נקצב ראש השנה אין הימל, מי יעני ומי יעשר. יעדער דארף זיין א

מיט סענזאציאנעלע בריוו און שטורעמישע מעמדים, און דערנאך נעלם ווערן ביי דיר אין די הויפטקווארטירן אין מאנהעטן. דו קומסט תשובות פארן עולם", האב איך אים געזאגט. "אויב האסטו זיך געוואגט צו שיקן א בריוו

און דאס אלעס קריגט ער אן דעם וואס ער זאל דארפן רעדן און זיך לאזן אויספרעגן ברבים. דער פאקט איז אז ס'איז נישטא קיינער וואס ווייסט נישט פונקטליך וואו ער האט געלאנדעט, מיט וועמען ער האט זיך געטראפן, ווער עס האט געקריגן פון אים א בריוו, און וועלכער הויף האט זיך דערקוויקט מיט נאך א געשוואלענעם טשעקל. אה, כבוד? דאס פעלט אים אויך נישט.

דעריבער, זייענדיג אין א כסדר'דיגן געיעג, נאכלויפנדיג אים אז ער זאל מיר געבן אן אינטערוויו, האט ער מיר אלץ אפגעווארפן מיט תירוצים און געטראפן אויסוועגן זיך ארויסצודרייען. "ס'פעלט נישט אויס" איז געווען זיין ענטפער.

אבער דאסמאל האב איך שוין נישט נאכגעלאזט. "דו קענסט נישט אנדרייען דעם גאנצן חרדי'שן ציבור

וואס קיין שום מלמד אדער מחנך האט נישט געגלייבט אז פון אים וועט נאך עפעס אויסוואקסן. ער איז געפלויגן פון איין כתה צו דער אנדערער, די חברים האבן זיך פון אים דערווייטערט און אים געבוליט אן רחמנות, און אפילו ער אליין האט געגעבן שוואכע שאנסן אז פון אים וועט נאך עפעס אויסוואקסן, האבנדיג א געביידע פון האס און שולד געפילן מיט וועלכע ער האט זיך ארומגעטראגן קעגן זיך אליין, ביז ווען איין מלמד איז אנגעקומען און האט איינגעפלאנצט די קערנדלעך פון 'יואלי לאנדא' וואס יעדער קען היינט צוטאגס.

יא, דער 'נעבעכדיגער אפגעפליקטער' מאנרא'ער יונגל איז פארוואנדלט געווארן אין דעם מערסט באקאנטן חרדי'שן פילאנטראפ היינטיגע טעג.

אה, דאס איז אויך די געשיכטע פון אן אינגערמאן, אן עני ואביון אן קיין איין דאלאר אין טאש, וואס נעכטיגט איבער אין די בתי מדרשים ווי א היימלאזער, ביז יענעם טאג ווען ער האט געמאכט

# די געשיכטע פון א קרית יואל'ער יונגל מיט שווערע ADD, וואס קיין שום מלמד אדער מחנך האט נישט געגלייבט אז פון אים וועט נאך עפעס אויסוואקסן

דעם באשלוס ביי זיך אז ער שאקלט זיך אפ פון דער גאנצער נצרכות, און ער טוישט זיך אריבער ביזן ווערן דער מערסט קוראזשפולער נגיד און גרעסטער בעל צדקה בזמננו.

•

דאס איז א מעשה פון אמונה. ווי א מענטש נעמט זיך די עקשנות אויפצוגעבן אן איינמאליגע געלעגנהייט צו שניידן רווחים פון ניין הונדערט מיליאן )!( דאלאר, בלויז ווייל ער טוט נישט קיין ביזנעס אין אן ערב פסח נאך חצות, און נאך א דיעל פון באלד צוויי און א האלב ביליאן )!( דאלאר, פשוט ווייל מ'טוט נישט קיין געשעפטן אום חול המועד, און הערשט נאכדעם ווערט ער געוואויר ווי דער מסבב כל הסיבות האט אים באשיצט און אפגעהיטן, ווי ס'איז באקאנט אז 'אין אדם שומע לי ומפסיד.'

אויב זענט איר יונגע

דער אינערליכער דרייוו פון ווילן טיילן ווי מער צדקה, פארשטייענדיג אז ס'איז נישט א לוקסוס, נאר דער איין און איינציגסטער ציל פונעם גביר. נעמען דעם פקדון וואס דער אויבערשטער גיט, און עס פארטיילן פאר אנדערע.

אלזא, נאך א לאנגע און אנגעשטאפטע אינהאלטסרייכע נסיעה, באגלייטנדיג דעם פילאנטראפ אין זיינע רייזעס און אין פארשידענע אינטערעסאנטע ערטער, אנגעהויבן פון דעם מנין ותיקין ביי אים אין זיין פראכטפולן שול וואס ער האט נאר לעצטנס באנייט אין וויליאמסבורג, פון דארט אריבער צום וואלקן-קראצער אין מאנהעטן אין וועלכן ער פארפיגט אויף צוויי גאנצע שטאקן – אט ליינט דעם סך הכל.

## פרק א:

### אלץ האט זיך אנגעהויבן איין נאכט

מוצאי שבת במדבר תשפ"ה, א נאכט בעפאר שבועות, האבן שמועות זיך אנגעהויבן יאווען איבער די ירושלימ'ער גאסן אז א שווארצער קאדילעק שטייט פארקירט אינדרויסן פון מעון קדשו פונעם גערער רבי'ן, אויף רחוב ירמיהו אין ירושלים.

די בחור'לעך האבן שוין געוואוסט צו גאסיפירן אז "יואלי לאנדא נכנס לרב'ה."

ביים טיש אויף וועלכן די שווערסטע און מערסט סענסיטיווע הכרעות ווערן געמאכט איבער דער גרעסטער חסידות אין דער וועלט, זיצט דער סאטמארער ביליאנער ר' יואל לאנדא, אין א זיצונג וואס וואלט קיינעם נישט געקומען אויפן געדאנק, אין א געווענליכער תקופה.

אבער יעצט זענען נישט קיין געווענליכע טעג, די גזירת הגיוס לויטעט איבער די קעפ פון די ישיבה בחורים אין ארץ ישראל, די רעגירונג אין מדינת ישראל האט אפגעהאקט אלע געלטער, און דער גאנצער עולם התורה איז אין געפאר.

כדי צו באקעמפן די גזירה האט דער גערער רבי באשלאסן אז ער קוקט נישט אויף זיין עלטער און געזונט צושטאנד, נאר ער לאזט זיך ארויס אויף א נסיעה קיין אמעריקע, צונויפצושטעלן די געלטער וואס וועלן צוניץ קומען פארן עולם התורה. יא, די אמעריקאנער גבירים וועלן זען דעם רבי'ן זיך דרייען און קלאפן על פתחי נדיבים, און אזוי ארום אויפטרייבן געלטער אנשטאט דאס וואס די מדינה האט אויפגעהערט צו טיילן.

די גערער שטוב מענטשן זענען געווען שאקירט הערנדיג דעם פלאן פונעם רבי'ן, וויסנדיג אז עס איז שוין א שיינע פאר יאר וואס דער רבי טרעט נישט ארויף אויף א פליגער. כדי עטוואס

ליינער וואס ס'ברענט אין
אייך דער תאווה צו מאכן
נאך א דאלאר, פאלגנד איז
יואלי לאנדא'ס רעצעפט פאר
סוקסעס: תמימות, א
פעלזן-פעסטע אמונה, און א
גרייטקייט זיך
אונטערצונעמען אלץ וואס
ס'זאל נאר נעמען זיך צו היטן
די אויגן, און נישט פארפאסן
א תפילה בציבור, און
זעלבסטפארשטענדליך

צו פארגרינגערן דעם
מצב האבן זיי באשלאסן
זיך צו אינטערעסירן, און
טרעפן א פריוואטן
פליגער וואס זאל נעמען
דיג אז
תכלית
זיך
ן א
לאן אין
פון
ערציג
ער
אויף
ש
אים
ך
שער
ארץ
פלאם
שקייט,
וואס האט די
מעגליכקייט מיט איין
טעלעפאן קאל צו
הייסן דעם פילאט
ברענגען דעם פליגער,
און אהערשטעלן די
גאנצע גווארדיע אז
דער רבי זאל זיך
קענען הייבן, און
גרייכן דעם ציל פון
שאפן די
אסטראנאמישע
סכומים צו ערזעצן די
טמא'נע פאנדן פון דער
ממשלת השמד.
ס'האט זיך טאקע
אנגעהויבן נאר פון א
טעכנישע טובה וואס
מ'האט אים געבעטן,
אבער ס'האט זיך שנעל
דערקייקלט ביז ס'איז
פארוואנדלט געווארן
אין די העדליינס,
ברענגענדיג א פלייץ
פון שמועות,
דיסקוסיעס, מיינונגען,
זייענדיג דער
געשפרעך פון טאג.
אצינד גיט ר' יואל
ארויס ערשטמאליג,



מ'קען אלעס רעדן? דער זעלטענער און
היסטארישער זיצונג בקודש פנימה אין גור

פון א ביזנעס פערספעקטיוו, וויאזוי זיך
אן עצה צו געבן מיט דעם שרעקליכן
פלאנטער אין וועלכן אלע היימישע
מוסדות התורה האבן זיך געטראפן.
'קום אריין צום רבי'ן, מיר ווילן זיך
אדורכרעדן מיט אייך' האט ער מיר
געזאגט".
"ס'איז געווען אן השגחה פרטית אז

דעם רבי'ן מיט הכנעה:
'מ'קען אלעס רעדן?'"
פארציילט ר' יואל אז ער
האט געפרעגט דעם רבי'ן
איידער'ן אנהייבן. "דער רבי
האט מיר געזאגט אז
'אדרבה, לאמיר הערן'".
גלייך האט ר' יואל
געשאסן דעם ערשטן
באמבע: "לענות דעתי האלט
איך אז די גאנצע גיוס
מערכה איז איין

די קוליסן. אפגעשפילט אונטער וואס עס האט זיך

**• קודם כל, דער עצם מציאות אז א סאטמארער זאל גיין קיין גור איז א זעלטענע ערשיינונג, וויאזוי איז דאס געשען?**

ר׳ יואל שטימט צו אז דאס איז געווען א חידוש. "ווען די עסקנים פון גור האבן זיך געוואנדן צו מיר מיט זייער בקשה, האב איך זיך פרובירט ארויסצודרייען. כ׳האב געטראכט אז גור האט זייער אייגענעם מהלך און שיטה, און איך בין נתחנך געווארן אויפן סאטמארער שיטה, און כ׳בין נישט זיכער געווען אז דער גאנצער שידוך דא טראגט עפעס א האפט, און עפעס וועט ווערן דערפון.

"אזוי האב איך געטראכט, ביז ווען כ׳האב געקריגן א טעלעפאן רוף פון גערער רבינ׳ס זון, און ער האט מיר פארציילט אז ער איז נישט אינטערעסירט בלויז אינעם עראפלאן אדער אין א נדבה, נאר זיי ווילן בעצם האבן א שטיקל שמועס און פארשטיין

כ׳בין פונקט דאן געווען ביי מיר אין שטוב אין ירושלים, האבנדיג געוויילט דארט אויפן יום טוב שבועות. כ׳בין אריבערגעפארן צום שטוב פון גערער רבי׳ן, און צום ערשטן מאל אין מיין לעבן האב איך זיך געטראפן מיט אים.״

**• וויאזוי איז דער שמועס צוגעגאנגען?**

״ס׳איז געווען א שמועס פון בערך צוויי און צוואנציג מינוט, אין גור איז דאס אן אויסטערלישע זאך, און אין יענע צייט איז קיינער אנדערש נישט געווען אנוועזנד אין צימער. דורכאויס אונזער שמועס האט מיר דער גערער רבי געפרעגט: ׳זיי פירן אונז ארום מיט לגיונות און שקרים, און זאגן אונז צו אז זיי גייען ברענגען א לעזונג און א הסכם צו דעם פראבלעם, אבער פאקטיש האבן זיי גארנישט דעליווערט צום טיש. זיי זענען פאלנע שקרנים, וואס האלטסטו אז מ׳קען טון דערצו?׳

״הערנדיג די שאלה האב איך געפרעגט

שטיק רוחניות, און ס׳האט גארנישט צו טון מיט פאליטיק"! זאגט ער פארן רבי׳ן וואס פארמאגט די גרעסטע פאליטישע מאכט אין מדינת ישראל. "דאס איז די סיבה פארוואס אלע אייערע פאליטיקאנטן און עסקנים האבן נישט קיין סייעתא דשמיא, און זיי קענען נישט ברענגען קיין לעזונג. כלל ישראל דארף האבן די דירעקטע השפעה פונעם רבי׳ן, און ס׳איז שטארק מעגליך אז מ׳דארף פשוט אוועקנעמען די מאכט פון די פאליטיקאנטן און עס אריבערברענגען צו די מנהיגים דירעקט".

אין גור איז מען נישט געוואוינט צו הערן אזעלכע דיבורים, אבער דער גאנצער מיטינג איז דאך אויסערגעווענליך במילא...

דארטן בקודש פנימה האט ר׳ יואל ווייטער גערעדט מיט א סאטמארער ברען, ברענגענדיג א ראי׳ פון דער פארגאנגענהייט: "כלל ישראל געדענקט



ס'איז  מיר נישט אמאל איינגעפאלן ארויסצושיקן דעם בריוו פאר דער גאס. ביים איבערגעבן דעם
מכתב פארן גערער רבי׳ן שליט״א

ציוניסטישן רעגירונג, און זיך
אפשיידן פון זיי אין בלויז געציילטע
טעג.

"כ'האב געזאגט פארן רבי'ן א
לשון וואס ער האט זייער ליב
געהאט: 'אין די ביזנעס וועלט
ווענדט זיך אלעס אינעם אנהויב.
דעם גיוס פראבלעם האט מען
אנגעהויבן אויף אזא נארישער און
אומעפעקטיווער פארנעם, אז ס'איז
ממש נישטא קיין וועג ארויס. אויף
וועלכן וועג מ'זאל עס נאר דרייען,
איז נישטא וואס צו טון. אזוי ארום
האט מען זיך געטראפן אין א פלאץ
וואס מען איז שויןליידער גרייט
אפילו צו מאכן פשרות מיט זיי, און
די רשעים ווייסן דאס זייער גוט, און
נוצן עס אויס מיט אן אגרעסיוויטעט
און שרעקליכער שנאת עם הארץ
לתלמיד חכם. מיט יעדן טאג וואס
גייט פארביי טוען זיי מער און מער
אראפדרוקן די קעפ פונעם חרדי'שן
ציבור, און לייגן צו אלץ מער
דרישות און בקשות, זענדיג די
שוואכקייט פון די חרדי'שע
פאליטיקאנטן וואס שטייען אן קיין
שום געווער ארויסצונעמען.

"אויב וואלטן מיר שוין אינעם ערשטן
טאג געזאגט בפה מלא, אז ס'איז
נישטא קיין אנדערער מהלך, און
מיר זענען גרייט צו גיין מיט מסירת

מאנקי ביזנעס. אזוי רעדט
מען ביזנעס, אן קיין חכמות
און אן קיין שטיקלעך, א
ווארט איז א ווארט.

"נאכמער  האב  איך
צוגעלייגט,
פארשטייט זיך מיט רשות,
אז דער עצם מציאות אז די
פאליטיקאנטן זענען בכלל
פארנומען 'אדורכצורעדן'
און 'אויסצושמועסן' די זאך,
און מ'מאכט א גאנצער משא
ומתן דערפון, דאס אליין
דארף מען פארדאמען. דאס
זעלבסט

די אגודה'יסטן געפונען זיך
כיום"! "כ'האב פארציילט
פארן רבי'ן א
ערשטהאנטיגע געשיכטע
מיינע, וואס איז געווען
איינמאל ווען ס'האט זיך
געהאנדלט איבער א דיעל
פון דריי און א האלב ביליאן
דאלאר. ערגעצוואו, ווען
מ'האט שוין געהאלטן טיף
אינמיטן די פארהאנדלונגען,
האבן זיך די פארטנערס
דארט אנגעהויבן
ארומשפילן מיט די תנאים
וואס מ'האט
אוועקגעשטעלט ביים
אנהויב פונעם דיעל. איך
האב זיך נישט אמאל
אנגעהויבן דינגען מיט זיי,
נאר פשוט זיך
אויפגעשטעלט מלוא קומתי
און ארויסשפאצירט פון
דארט, לאזנדיג זיי הענגען
מיטן גאנצן דיעל אין
צימער. יעדער איז
פארשטייט זיך געווען
שאקירט ביז גאר, אבער
אביסל שפעטער האבן זיי
זיך אינגאנצן געבויגן,
זענדיג אז ס'איז נישט קיין

זייער גוט די מערכה וואס דער רבי האט געפירט קעגן אלע טריפה'נע כלים הטמאים און די טעכנאלאגיע, נאך פאר צוואנציג יאר צוריק. דעמאלטס האט זיך אויך יעדער געוואונדערט אויב עס וועט בכלל מצליח זיין. ס'זענען אפילו געווען אזעלכע וואס האבן געטענה'ט אז דער רבי גייט צו שטארק 'קאפ אין וואנט,' אבער היינט זעט גאנץ כלל ישראל אז דער רבי האט געוואונען די מערכה, און יעדער פרומער איד דרייט זיך היינט מיט א כשר'ן טעלעפאן.

"היינט צוטאגס", האט ר' יואל וייטער גערעדט, "פונקט ווי דעמאלטס ביים אינטערנעט מערכה, דארף דער היימישער עולם אז דער רבי אליין זאל זאגן א מיינונג, און ער זאל עס פירן אליינס, דירעקט, אן די פארדארבענע פאליטיקאנטן אינצווישן. רצוננו לראות את רבינו".

דער גערער רבי האט געשאקלט מיטן קאפ, און געפרעגט "נו,"? מיינענדיג דערמיט אז דער וויליאמסבורגער נגיד זאל מזכיר זיין וואס ער מיינט צו זאגן, און וויאזוי זיין פלאן קען צושטאנד קומען. און דא איז געקומען דער אטאם, ווען ר' יואל לאנדא האט אוועקגעשטעלט א פלאן פארן רבי'ן, וויאזוי זיך אפצושאקלען פון דעם נפש ממש, וואלטן מיר קיינמאל נישט אנגעקומען צו דעם געפערליכן פלאנטער אין וועלכן

**אויסגעפעלט דאס שרייבן און איבערגעבן דעם בריוו פארן רבי'ן, פאר ער איז אהיימגעפארן?**

"נאך מיין מיטינג מיטן רבי'ן האב איך געפילט ווי ס'קען זיין אז כ'האב זיך נישט אינגאנצן קלאר ארויסגעברענגט. כ'בין זיכער אז דו ווייסט וויאזוי ס'ארבעט דארט מיטן קאצקער מהלך, אזוי שנעל און געיאגט, און כ'האב נישט געוואוסט אויב אונטער דעם פרעשור האב איך געהעריג ארויסגעברענגט פונקטליך און דייטליך מיין מהלך און חוות דעת. כ'האב געגעבן א מיינונג פאר א גדול בישראל, און כ'האב געפילט אז כ'האב אן אחריות אז דער רבי - וואס האט מיר געבעטן אז ער וויל הערן - זאל פונקטליך פארשטיין וואס כ'האב געזאגט, און דערפאר האב איך עס אפגעשריבן אויף א בריוו. דאס איז געווען דער איינציגסטער מטרה דערפון."

**• אויב אזוי, פארוואס האט אויסגעפעלט עס ארומצושיקן ברבים?**

"זאג, ביסטו נארמאל?" פרעגט מיר ר' יואל. "דו האלטסט פאר איין רגע אז איך האב ארומגעשיקט דעם בריוו? חלילה וחס! איך קוק ארויף און שעץ דעם גערער רבי'ן מורא'דיג שטארק, און אלס א סאטמארער חסיד ווייס איך אויך זייער גוט וויפיל מ'דארף זיך נוהג כבוד זיין מיט אנדערע מנהיגים. כידוע אז רביה"ק זי"ע האט זיך געהאלטן זייער נאנט מיט אלע גערער רבי'ס, און האט זיי אלע מורא'דיג שטארק מכבד געווען.



די גיוס מערכה געהערט נאר צו גדולי ישראל. כ"ק גערער רבי שליט"א ביים היסטארישן נסיעה

שטעלט דעם חרדי'שן ציבור אין א שוואכן פאזיציע און ערלויבט אז די ציוניסטישע רעגירונג זאל אריינהייבן מכות רצה אין זיי, וויבאלד זיי האבן נישט קיין שום ווירדן. נאר אויב די ציוניסטן וועלן פארשטיין קליפ און קלאר אז דא איז נישטא קיין ברעקל פלאץ פאר קיין פשרות! נאר אזוי וועט מען זיי קענען געווינען איינמאל

דער רעגירונג. ס'זענען דא מורא'דיגע שוועריגקייטן און פון אלע זייטן קומען כל מיני סארטן מענטשן מיט פינסטערע אינטערעסן וואס ווילן אונז אפרעדן פון דאס צו טון, אבער דער רבי איז איבערצייגט אז אייער מהלך איז דער בעסטער, און ער איז פעלזן-פעסט אנטשלאסן און ביי דער מיינונג אז דאס וועט מען טון".

פאר אלעמאל, און אראפנעמען דעם

**• ווען דער בריוו איז ארויסגעקומען**

ווען אונזער רבי דער ברך משה זצ"ל

**אויף דער גאס, האבן אסאך געהאלטן אז דו ביסט א גרויסער מחוצף.**

"טו מיר א טובה", זאגט ר' יואל, "ס'איז דאך אזוי רחוק מן המציאות און ווייט פון אמת", און ער לייגט צו: "כ'האב דאך נישט אנגעהויבן בכלל צו זאגן פארן רבי'ן קיין איין זאך ווילאנג ער האט מיר נישט געבעטן אז איך זאל, און כ'האב גערעדט מיטן פולסטן דרך ארץ ווי א תלמיד הדן בפני רבו, און דאס אויך נאר ווייל ער האט מיר אריבערגערופן און געוואלט

נאנטן קשר מיטן גערער רבי'ן, און מ'האט מיר געזאגט אז דער מכתב וואס כ'האב אים געגעבן ליגט אויף זיין טיש, און ער איז מעיין דערין יעדע שטיק צייט נאכאמאל. איך האף ווייטער צו האבן די זכיה ארויסצוהעלפן דעם חרדי'שן ציבור אין ארץ ישראל, אבער

פלעגט קומען קיין ארץ ישראל האט ער נישט אויסגעלאזט א באזוך ביי די גערער רבי'ס, אריינגערעכנט ביי דעם היינטיגן גערער רבי זאל זיין געזונט. ס'איז מיר נישט אמאל איינגעפאלן ארויסצושיקן דעם בריוו פאר דער גאס, און כ'קען דיר נישט מסביר זיין וואס פארא עגמת נפש איך האב געהאט דערפון ווען ס'איז ארויסגעקומען".

"אגב", לייגט ר' יואל צו א זייטיגע קרישקעלע, "איך האב א מורא'דיגן

שענדליכן גזירה פון אונזערע פלייצעס". ס'האט נישט לאנג געדויערט און די רעזולטאטן פון דעם שמועס צווישן דעם סאטמארער מיליאנער און דעם אגודה'יסטישן רבי האבן זיך אנגעהויבן אנצוזען. יצחק גאלדקנאפף, דער וואס איז געווען אן אפיציעלער פארשטייער מטעם גור אינעם ממשלת הכופרים, האט זיך אפגעזאגט און רעזיגנירט פון דער רעגירונג. יענעם טאג האט יואלי געקריגן א טעלעפאן רוף פון דעם גערער רבי'נס זון, הרב נחמי' אלתר. "מיין טאטע האט שטארק הנאה געהאט פון דיין הסבר איבער דעם וועג וויאזוי מען טוט ביזנעס אין אמעריקע, און וויאזוי מ'קען זיך דערפון ארויסלערנען וויאזוי זיך אן עצה צו געבן ביי אונז מיט דער גזירת הגיוס. דער רבי האט געבעטן

הערן מיין מיינונג. איך בין בכלל נישט אינטערעסירט צו באצווינגען יענעם מיט מיין מיינונג, און זיכער נישט קיין מנהיגים, נאר וואס יא? אז מ'וויל הערן מיין מיינונג, זאג איך עס קלאר און דייטליך אן קיין זיידענע הענטשוך."

אז כ'זאל דיר איבערגעבן פערזענליך אז מיר ארבעטן שווער זיך אפצוטיילן פון

**• מילא ביים פריוואטן שמועס אינדערהיים, אבער וואס האט**

אזוי ווי ביי גור - נאר אויב מ'וועט מיר בעטן בפירוש".

## פרק ב:

### דער מרגיז ממלכות

יואלי לאנדא איז א יונגער און ענערגישער חסידישער  מולטי- מיליאנער, און האלט אין איין זיין אינעם אויג פון שטורעם. סיי ריזיגע ביזנעס דיעלס, סיי גרויסע קאנסטראקשן פראיעקטן, אדער צדקה אקציעס. ער איז באקאנט אלס א מענטש וואס מ'קען נישט פאראויסשאצן, אדער אפילו פרובירן  פאראויסרעכענען וואס זיין נעקסטער שטאפל וועט זיין. ווען מ'הערט זיין נאמען און זיינע אלע אקציעס, קען מען זיך אויסמאלן א בילד פון א מענטש מיט אן איבערגעטריבענעם מאס עזות און 'גאטס,' אבער פאקטיש, דער וואס קען אים אביסל פון דער נאנט וועט וויסן צו זאגן אז ער איז גאר דער פארקערטער. א

**פאר דער גאנצער ציוניסטישער מדינה: מוחל טובות"! האט זיין שטימע אפגעדונערט, ווערנדיג ציטירט און איבערגעזאגט אויף אלע פירנדע נייעס סטאנציעס**

אלס איינער פון די פירנדע נגיד'ישע עסקנים אינערהאלב דער סאטמארער קהילה. יארן לאנג איז דער קהל געפירט געווארן דורך אלטע אידן, שיירי דור הישן וועלכע האבן נאך געדענקט דעם רבי'ן זי״ע. יואלי לאנדא - ווי זיין נאמען זאגט עדות - איז שוין געבוירן געווארן נאכדעם וואס דער סאטמארער רב זי״ע איז אוועק פון דער וועלט.

דאס צווייטע מאל וואס ר׳ יואל האט זיך אוועקגעשטעלט רעדן פאר א רבים איז געווען היי יאר, כ״ו אב, ווען עס פאלט אויס דער יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן סאטמארער רב זי״ע. ער איז געקומען קיין ירושלים עיה״ק בשליחות פון כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א, כדי צו מחזק זיין די ארטיגע מוסדות וועלכע האלטן זיך אויפן מסורה'דיגן אופן, און נעמען בשום אופן נישט קיין געלטער פון דער ציוניסטישער מדינה. ר׳ יואל איז נישט געקומען אליין קיין ארץ ישראל, נאר ער איז געקומען אינאיינעם מיט זיין זיידן, הרה״ח ר׳ חיים יחזקאל שטיין הי״ו וועלכער איז געווען פון די משמשים בקודשביים הייליגן סאטמארער רבי'ן זי״ע, און זיי האבן אינאיינעם געפראוועט א חנוכת הבית צום גיגאנטישן שול געביידע פאר די סאטמארער מוסדות אויף רחוב יחזקאל אין ירושלים, וואס ר׳ יואל איז געווען פון די גרעסטע תורמים דערפאר.

אזוי ווי ס'איז איינגעפירט ווען ר' יואל פראוועט סיי וואס, איז דער גאנצער באזוך פארגעקומען מיט גרויס

מעוקצך"! זאץ וואס ר' יואל האט מיט א סאטמארער פלאם פייער געזאגט ביי זיין צענטראלער דרשה האט געמאכט כוואליעס, און איז אנגעקומען צו יעדן

כבוד און פאראדע, און אזוי אויך מיט די גאנצע איינגעגעסענע ירושלימ'ער יענטישקייט. אנגעהויבן האט זיך דער מעמד מיט א מאסיווער מעמד הכנסת ספר תורה, באגלייט מיט פערד און וועגענער און צוויי-שטאקיגע באסעס וועלכעהאבןקורסירטאיבערדישמאלע ירושלימ'ע געסלעך, ברענגענדיג דעם כבוד התורה צום מאקסימום. טויזנטער ירושלימ'ער אידן האבן זיך פארזאמלט איבער די גאסן און מיטגעהאלטן דעם גרויסארטיגן געשעעניש, זייענדיג א מעמד וואס ירושלים האט נאך קיינמאל בעפאר נישט געזען.

דארט ביי יענעם באזוך האט ר' יואל געפראוועט א באזונדערן מאסיוון מעמד חלוקת 'שקל הטהור,' פארטיילנדיג גרויסע געלטער פאר די ראשי המוסדות וועלכע שטייען ביי דעם גרויסן נסיון, און האלטן זיך פעלזן-פעסט נישט צו נהנה זיין משולחן איזבל, און האבן נישט קיין הנאה פון די טריפה'נע געלטער וואס די ציוניסטישע רעגירונג באט אן מיט א ברייטער האנט. ביי יענעם מעמד איז געווען דער צווייטער מאל אין היסטאריע וואס ר' יואל האט זיך געשטעלט אויפן פאדיום און געהאלטן א דרשה פאר די טויזנטער פארזאמלטע, און ס'איז נישט סתם געווען א דרשה.

דער בייסיגער "לא מדובשך ולא

ביישן און א פארמאכטער, וואס לויפט אוועק פון זיך זעלבסט ארויסשטעלן פארן פובליק.

בלויז צוויי מאל האט מען אים געזען רעדן ברבים.

"איך בין א גרויסער ביישן, און איך האב שוידערליכע 'אימתא דציבורא,'" זאגט ר' יואל, געבנדיג דעם ערשטן אינטערוויו אין זיין לעבן.

דער ערשטער מאל וואס ר׳ יואל האט זיך אוועקגעשטעלט רעדן ברבים, איז געווען נאר נאכדעם וואס גאר אסאך מענטשן האבן זיך ביי אים געבעטן, צווישן זיי נישט קיין צווייטער ווי כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א בכבודו ובעצמו. געווען איז עס מיט ווייניגער ווי א יאר צוריק, ביים גרויסארטיגן סעודת הודאה פון כ״א כסלו, ווען צענדליגער טויזנטער חסידי סאטמאר פון איבער דער גארער וועלט צייכענען אפ דעם יום הצלה והשחרור פון כ״ק מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע, וואס איז פארגעקומען אינעם גיגאנטישן ׳בארקלעיס׳ סטאדיום. דאן איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ר׳ יואל לאנדא האט זיך אוועקגעשטעלט אויפן בכבוד׳יגן אויבנאן, במעמד פון אלע רבני ודייני סאטמאר, און גערעדט פאר די העכער צוואנציג טויזנט משתתפים.

ס׳איז נישט נאר געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט גערעדט פאר א ציבור, נאר דאס איז אייגנטליך אויך געווען דאס ערשטע מאל וואס ר׳ יואל האט זיך ארויסגעשטעלט

מיליאנערן שעמען זיך מיט דעם וואס זיי זענען פרומע אידן. ער באטראכט דאס געלט וואס ער פארמאגט פשוט ווי א מיטל וואס ערמעגליכט אים צו קענען פארטיילן העכער א האלב פון זיין איינקונפט פאר צדקה, און זיין חסידישער שטאלץ איז דער עמוד הענן ההולך לפניו. ער וואונדערט זיך אויף די אלע וואס, ווען זיי קומען קיין מאנהעטן אויף געשעפטן, קניפן זיי ארויף זייערע פאות און פרובירן באהאלטן זייער פרומקייט.

דער פריערדיגער דור פון סאטמארער נגידים האבן שטארק געגליכן גרויסע פלאקאטן און טיטלען, און ווי געווענליכע אונגארישע אידן האבן זיי געקוואלן פון יעדן שילד באזונדער. אנדערש איז אבער יואלי לאנדא, ער עקלט זיך דערפון, און ער קען נישט דערליידן דעם גאנצן 'הרבני הנכבד המרומם והנעלה שמו מפארים עדת חבלו ונערץ הנגיד הטפסר'. ער טראכט אלץ תכלית'דיג און די אלע טיטלען פארמאגן ביי אים נישט קיין שום ווערד. "איך שעם זיך דערפון, גיי ארום, וועסט נישט זען קיין בנינים מיט מיין נאמען", זאגט ער מיר ביים שמועס.

מאנכע וועלן מיינען אז די רעדע

דער וואס וועט געבן פאר מיינע מוסדות וועל איך נישט שולדיג בלייבן. אין א ריקוד מיט האדמו״ר מסאטמאר שליט״א ביי א שבע ברכות בבית סיגוט אין ר' יואל'ס שטוב

געפירט דורך ר׳ יואל׳ן.

דער פראיעקט איבערן נישט רעדן ביים דאווענען ווערט געפירט אונטערן 'קרן תוספות יום טוב,' און איז געווידמעט לע"נ דעם הייליגן תוספות יו"ט וואס האט מחבר געווען דעם באזונדערן 'מי שברך' פאר דעם וואס האלט זיך אפ פון רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה. ר' יואל האט אויך געגרינדעט א מאגאזין געאייגנט פאר קינדער מיטן נאמען 'שטענדערל,' וואס האט זיך אנגעהויבן מיטן ערקלערן פאר קינדער די וויכטיגקייט פון נזהר זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען, און צו דאווענען בכוונה בכלליות. עס איז זיך ברייט צווואקסן און איז היינט דער מערסט אויפגעכאפטער מאגאזין פאר

איז איבער א גביר וואס פארמאגט אין זיך דעם טיפישן 'עשיר יענה עזות'דיגן צוגאנג, אבער אינטערעסאנט איז אז ווען מען רעדט מיט אים, באמערקט מען אז ער איז גרייט און אפן אויסצוהערן יעדן איינעמס מיינונג, אפגעזען ווער דער יעניגער זאל נאר נישט זיין. אבער איין זאך איז זיכער: ער ווייסט פונקטליך וואס ער וויל, און צו דעם וועט ער זיך האלטן ביזן סוף.

זייענדיג דער גביר מיטן ה"א הידוע איז ער זעלבסטפארשטענדליך פארמישט אין אומצאליגע אקטיוויטעטן און אקציעס, אנגעהויבן פון גראנדיעזע יום טוב חלוקות אין וועלכע עס ווערן פארטיילט אבנארמאלע קוואנטומס עסנווארג פאר נויטבאדערפטיגע משפחות אין וויליאמסבורג. די חלוקה ווערט פארטיילט דורך ספעציעלע קארטלעך וואס ווערן אנגעפילט מיט מיליאנען דאלארן דורכאויסן יאר, און דער גאנצער פראיעקט שטייט אונטער דער פירערשאפט פון זיין ברודער, דעם טיכטיגן ר׳ מאטי לאנדא. ווי אויך טוט ער אויפשטעלן ריזיגע היכלי התורה איבער דער וועלט, אין ניו יארק און אין ירושלים, ער האלט אויס ישיבות פאר עלטערע בחורים אין ארץ ישראל און אין אמעריקע, ער האט אויסגעצאלט הונדערטער כרכים פון 'מתיבתא' גמרות וועלכע וועלן ערשיינען אין דער גאר נאנטער צוקונפט, ווי אויך א גאר סענסיטיווער פראיעקט פאר פארפעלקער וועלכע זענען נאך מצפים לישועת ה׳ ולזש״ק, אזוי אויך גרויסע קאמפיינס אויף כבוד הביהמ״ד, און דאס איז נאר א טייל פון די פילצאליגע און פילפארביגע פראיעקטן וועלכע ווערן

וועלכער האט מיט זיי
קיין שייכות נישט,
שרייט אויס "הננו
רבנו"! און אנטפלעקט
פאר אלעמען דעם
שרעקליכן סוד וואס זיי
ווילן נישט מ'זאל וויסן.
"מיר זאגן פאר דער
גאנצער ציוניסטישער
מדינה: מוחל טובות"!
האט זיין שטימע
אפגעדונערט, ווערנדיג
ציטירט און
איבערגעזאגט אויף אלע
פירנדע נייעס סטאנציעס
איבערן לאנד.

געקאכט ווי א קעסל, און
אפילו די מיטגלידער
אינעם ציוניסטישן
'כנסת' האבן נישט
געקענט אראפשלינגען,
ווי קומט עס דא אהער
דער סאטמארער נגיד פון
ברוקלין, און מיט אזא
פרעכע עזות דקדושה
דעקלערירט ער קבל
תבל ומלואה אז דער
גאנצער ענין פון נעמען
געלט פון דער
ציוניסטישער רעגירונג
האט נישט קיין זין, און
ער שלאגט נאך פאר
פאר אלע אנדערע
מוסדות אז ער קען זיי
אויך שענקען א רעטונגס
ברעטל זיך ארויסצוזען
פון דער אנגעהאנגענקייט
אין די ממשלת הכופרים.
ס'איז שווער צו
שילדערן פון א
דורכשניטליכער
ציוניסטישער
פערספעקטיוו, וואס עס
איז געווען די רעאקציע
הערנדיג ווי דער
סאטמארער פילאנטראפ,

קינדער אין ניו יארק,
און העכער פופציג
טויזנט )!( תינוקות של



א  קשר  און ידידות מיטביידע סאטמארער חצרות.  האדמו״ר מהר״א מסאטמאר שליט״א ביים  קביעת מזוזה בבית מדרש אור חיים

קעיטערינג, און וואס נישט. צוויי פון די חתונה זאלן זענען אין וויליאמסבורג, און די אנדערע צוויי געפינען זיך אין קרית יואל, אונטער דער פירערשאפט פון כ"ק אדמו"ר מהר"א מסאטמאר שליט"א. יא, ס'איז אפשר אינטערעסאנט, אבער ר' יואל האט געטראפן זיין וועג צו גיין צווישן די טראפן, און אנהאלטן א קשר און ידידות מיט ביידע סאטמארער חצרות. ער איז טאקע א חסיד פון כ"ק מהרי"י מסאטמאר, אבער דאס האלט אים נישט אפ פון שעצן און זיין דער עמוד התווך אויך ביים ברודער כ"ק מהר"א.

און וואס איז דער קומענדיגער פראיעקט, פרעגט איר? אט ליינט. זייענדיג א גרויסער בעל מחדש, איז ר' יואל אויפגעקומען מיט א רעיון וויאזוי צו

האסטו געזען, ס'האבן זיך אנגעהויבן די חלוקות און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז יא, דא זענען אויך דא און א שיעור אידן וואס מוטשענען זיך צו ענדיגן דעם חודש, און נאר בזכות דער חלוקה האבן זיי באוויזן צו פראווענען א בכבוד'יגן יום טוב. איך בין זיכער אז דער גראסערי פלאן וועט זיך אויך אויסארבעטן און מצליח זיין, ס'איז העכסט צייט צו צוברעכן דעם מאנאפאל".

ס'איז אינטערעסאנט אז זינט ס'האט זיך אנגעהויבן דער גזירת הגיוס, און ס'האט זיך נאר געהאלטן אין איין פארערגערן, האט זיך ר' יואל ארויסגעשטעלט מיט א גאר טיפן פארשטאנד אין אלע אינערליכע חלקים פון דעם פלאנטער, כאטש וואס ער רעדט נישט קיין איין ווארט העבראיש. און יא, דער פאקט אז די אלע מוסדות התורה געפינען זיך אזוי שטעקן

דער ציוניסטישער מדינה," זאגט ער, קלארשטעלנדיג אז ער מיינט קיינעם נישט דערמיט ארייןצופליקן אדער אראפצורייסן, אבער דאס איז דער פשוט'ער מציאות.

לויט ר' יואל דארפן די חרדים צוגיין צו דער ציוניסטישער מדינה מיט א גאר קאלטן און עקשנות'דיגן ביזנעס צוגאנג. מ'דארף זיך אויפהערן בייגן דאס קאפ, מ'מוז זיך אויפהערן בעטן בתחנונים אויף יעדע קליינע זאך, און אזוי אויך דארף מען אויפהערן מיט אלע פאליטישע שטיקלעך. מ'טאר נישט זיין קיין 'נעבעך,' און מ'טאר נישט קומען פון א פלאץ וואס מען פאדערט רחמנות. אה, אויך נישט קיין גרויסע שארפע העדליינס אין די צייטונגען איבער אלע מיני מערכות און נארישקייטן. גארנישט! פשוט, א קאלטער ביזנעס צוגאנג.

אים איז דאס דער
איינציגסטער וועג זיך
אן עצה צו געבן מיט די
איבערגעטריבענע
מאניפולירטע פרייזן
היינט צוטאגס.

רייע גראסעריס אין
וועלכע מען וועט זיך
קענען איינהאנדלען
גראסערי פראדוקטן
פאר ביליגער ווי דער
קאסט פרייז, וואס לויט
באדערט אים שטארק.

אויסצולייזיגן די
קעשענעס פון די
קינדער- געבענטשטע
משפחות אין אמעריקע.
דער קומענדיגער
פראיעקט וועט זיין א

לינדערן און נידערן
איינמאל פאר אלעמאל
די הימלשרייענדע
גראסערי פרייזן, וואס
די גרויסע מאנאפאלן
ערלויבן זיך
איך פרוביר זיך וויצלען מיט אים,

**• דו האלטסט אז דער גראסערי פלאן איז בכלל רעאליסטיש?**

"זאלסט מיר אנטשולדיגן, אבער אויך ווען כ'האב אנגעהויבן מיט די חלוקות האט מען מיר געזאגט אז ס'איז נישט רעאליסטיש. געוויסע האבן מיר אפילו געזאגט אז ס'איז פשוט נישטא קיין ארימעלייט אין אמעריקע. יעדער איז געווען צוגעוואוינט אז נאר אין ארץ ישראל וואוינען ארימעלייט. נו נו,

ר' יואל האלט קלאר אז די איינציגסטע וועג וויאזוי מ'קען זיך ארויסזען פון דעם פראבלעם, איז נאר אויב מען טוישט גענצליך דעם צוגאנג און דעם יחס צו דער מדינה און אלע אירע אנגעלעגנהייטן. "איך רעד נישט אן וואס מ'זאל מיר פרעגן, אבער איך האלט אז מ'דארף דא פשוט 'ריסטארטן' דעם גאנצן חברותא'שאפט מיט

זאגנדיג אז לויט ווי כ'פארשטיי פון זיינע ווערטער, האט ער פשוט געטראפן דא א גוטן לאך אינעם גיוס פראבלעם, איינצופלאנצן די סאטמארער שיטה, נאך וואס די אגודה גייט שוין זיבן און זיבעציג יאר מיט דער מדינה אויף דעם אלטגעזעסענעם אופן. ר' יואל האלט זיך אבער איין פון אויסשיסן אין א געלעכטער. "איך האב גענוג און נאך

ווען אריינצוברענגען די סאטמארער שיטה אויב איך וויל", זאגט ער מיר. "דאס איז נישט די זאך דא. איך זע פשוט פון דער זייט ווי דאס איז א קייט-קאר- עקסידענט, און איך שלאג פשוט פאר א דורכגעטראכטע ביזנעס סטראטעגיע וויאזוי זיך אן עצה צו געבן דערמיט. דאס איז א מהלך וואס יעדער אמעריקאנער סוקסעספולער ביזנעסמאן טראכט, און באנוצט זיך דערמיט".

אויב דארף מען אראפשרייבן די שיטה אין בלויז געציילטע ווערטער איז עס: 'הערטס אויף זיין שנארערס'!

## פרק ג:

### דער מלמד וואס האט געראטעוועט מיין לעבן

כדי צו פארשטיין וואס דאס מיינט 'יואלי לאנדא' דארף מען צוריקדרייען דעם זייגער מיט פינף און דרייסיג יאר אין קרית יואל, וואו עס וואינט א

**איז דער וואס האלט דעם עתיד פון די קינדער ביי זיך אין די הענט. ווען מען ווייסט וויאזוי דאס צו שעצן, בויען מיר דערמיט פשוט די קומענדיגע דורות, אין פולן זין פון ווארט**

שטילער יונגעלע, אן קיין חברים, וואס יעדער איז זיכער מיטן פאקט אז פון אים וועט גארנישט ווערן.

יואלי איז געבוירן געווארן אין קרית יואל, י' אלול תש"מ. זיינע ביידע עלטערן קומען אריגינעל פון ארץ ישראל, אבער האבן זיך אריבערגעצויגן קיין אמעריקע דורכאויס די יארן. יואלי איז געווען דאס קינד וואס איז ביי זיי געבוירן געווארן, וואס יעדער האט אים אראפגעקוקט און געטראכט אז ער האט זערא שאנסן אויסצוּוואקסן עפעס, קומענדיג פון א שטוב וואס האט טאקע געהאט יחוס, אבער חוץ פון דעם נישט קיין סאך.

**• ביטע פארצייל מיר איבער דיינע**

"איך בין געווען א היבש שוואכער יונגל, אין א קלאס פון דרייסיג קינדער. איך האב געהאט ADD אויף אן ערנסטן פארנעם, און דאס האט גורם געווען אז ס'איז מיר היבש שווער אנגעקומען צו לערנען. כ'האב זיך נישט אזוי גוט געקענט קאנצענטרירן, און מ'האט מיר גערופן א שוואך קינד. כ'האב אויך נישט געהאט קיין נערוון מיטצוהאלטן די אלע שפילערייען אין חדר, און כ'האב נישט געהאט עכט קיין סיפוק.

"מיינע געשוויסטער זענען געווען ערנסטע געריבענע חברה, מיינע ברידער זענען באקאנט אלס מורא'דיג גוטע קעפ, און דערפאר האבן זיי

יואלי'ס אין קלאס, ווייל מיר אלע זענען געבוירן געווארן א יאר נאכן רבינ'ס פטירה. אין מיין קלאס זענען געווען דריי קינדער וואס האבן געהייסן יואלי לאנדא, און דערפאר האט מען יעדן א נאמען געגעבן - לאנדא א', לאנדא ב', און לאנדא ג'. איך בין געווען לאנדא ג'.

"איין טאג האט דער טעלעפאן אין חדר געקלינגען, און מיין מלמד'ס מחותן איז געווען אויפ'ן אנדערן זייט טרייבל. ער האט דעמאלטס געהאלטן פאר'ן חתונה מאכן, און ער האט אויסגעזען ווי ער האט געוואלט עפעס אדורכרעדן מיט'ן מלמד. ס'איז געווען נאך אסאך פאר די צייטן וואס מ'האט

געענטפערט אז ער איז 'לאנדא ג.'"

"ס'גייט נישט אריבער אפאר מינוט און דער מלמד שטורעמט אריין אין כתה, ער כאפט מיר אן און מיט זיין פאסיק האט ער

ער באשלאסן אז ער גייט מאכן טראבל. ער האט זיך גענומען בארעדן דעם מלמד אויף א מיאוס'ן אופן, און ווען דער מחותן האט אים געפרעגט ווער ער איז, האט ער

געקענט זען ווער עס רופט, און עפעס א יונגל האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, און הערנדיג אז ס'איז פאר'ן מלמד האט

**קינדערישע יארן, אבער לאז גארנישט אויס.**

ר׳ יואל פארטראכט זיך אויף א מינוט, און יאגט זיך נישט צו ענטפערן מיין שאלה. נאך עטליכע סעקונדעס זע איך אויף אים אז זיין תכלית׳דיגער געדאנקענגאנג האט באשלאסן אז יא, ער וועט זיך עפענען, אבער נאר כדי אז אנדערע זאלן זיך דערפון ארויסלערנען עפעס.

״איך האב נישט ליב צו רעדן דערפון, אבער ס׳קען זיין אז ס׳איז טאקע גוט אז דו האסט געפרעגט, ווייל כ׳בין שולדיג א גרויסן הכרת הטוב פאר א מלמד מיינער וואס האט מיר גערעטעוועט דאס לעבן, און ס׳קען זיין אז די מעשה וועט העלפן עמיצן.״

יא געהאט אסאך חברים. איך אבער, בין עפעס געבליבן אויסגעשלאסן און כ׳האב נישט געפונען מיין פלאץ. היינט, ווען איך טרעף מיינע מלמדים, זאגן זיי מיר אלע: ״יואלי, כ׳האב נישט געגלייבט אז כ׳וועל דיר זען אזוי...״ פון דעם קענסטו כאפן וויאזוי מ׳האט מיר אנגעקוקט אלס קינד. איך האלט אז דאס דארף געבן מורא׳דיג אסאך חיזוק פאר קינדער אין דעם פלאץ, ווייל נישט יעדער שטילער ביישן בלייבט אזוי א גאנץ לעבן. א מענטש טראכט און גאט לאכט, און מיר ווייסן דאך אז ׳אין דבר העומד בפני הרצון׳״.

די גרעסטע טראומא האט זיך אפגעשפילט אין כתה ט׳, גלייך פאר זיין בר מצוה. ״מיר האבן געהאט גאר אסאך

אין מיר ארייגעהויבן מערדערליכע שלעק, אז כ׳בין כמעט געפאלן א קרבן.״

ר' יואל אטעמט אפ א רגע. ״אפילו היינט ווען כ׳טראכט דערפון, טוען מיר



איך כ'האב קיין שאן האניג נישט געלעקט דערפאר. למעשה האט מען מיר ארויסגעשליידערט פון תלמוד תורה, און כ'האב געדארפט פארן ערגעץ אנדערש לערנען."

אין דעם נייעם חדר וואו ער איז אנגעקומען, איז קלאר געווען אז ער זאל זיין דער צילברעט פאר אלע סארטן חשדות. פארוואס דען איז ער עפעס אנגעקומען אהער, דער פרישער בר מצוה בחור'ל?

"איך זאג דיר אז כ'האב זיך אליינס נישט סובל געווען אין יענע צייטן", זאגט ר' יואל.

ביז איין שיינעם טאג, ווען דער מלמד איז אריינגעקומען און האט באשלאסן אז ער וועט ראטעווען דאס לעבן פון דעם צובראכענעם יונגל.

"ער איז צוגעקומען צו מיר און געוואלט לערנען אינאיינעם בחברותא. כ'האב זיך געבעטן ביי אים אז איך קען נישט לערנען און אז ער זאל מיר צורו

אלעס ווענדט זיך אין דיר, אין דיין קאפ, און אין דיין קוראזש.
ר' יואל ביים
ערשטמאליגן שמועס מיט 'משפחה' מאגאזין

חיים' וואס ער האט געלאזט בויען אין וויליאמסבורג, לאזט זיך זאגן אז דער קרעדיט קומט זיך פאר יענעם מלמד וואס האט אים אוועקגעשטעלט.

דער מלמד איז א חשוב'ער און אנגעזעענער איד ביזן היינטיגן טאג. "זיין זון איז דער מלמד פון מיינע קינדער".

פארשטייט זיך אז ר' יואל איז אים נישט שולדיג געבליבן, און פונקט ווי אין די מעשה ביכלעך, האט ער באשלאסן אז ער וועט ארויסצייגן הכרת הטוב מיט יארן שפעטער.

"כ'האב געקויפט פאר זיין זון א דירה אינעם בנין וואו איך וואוין," דערציילט ער.

סיפוק, אן חברים, יעדער מיט זיינע אייגענע סיבות. עטס האטס נישט קיין אנונג וואס זייער עתיד וועט זיין, און וואס ס'וועט פון זיי אויסוואקסן.

"געדענקט אבער זייער גוט, אז יעדער קינד איז א וועלט פאר זיך. דער מלמד וואס האט מיר גענומען אין א זייט און האט באשלאסן מיר אויפצובויען, האט נישט געוואוסט וואס עס וועט למעשה אויסוואקסן. דאס זעלבע בעט איך פון ענק, נעמטס דווקא דעם שווערן אונטערגעציפטן יונגל, אינוועסטירט אין אים, אין ענקערע הענט ליגט דער כח אים אויפצובויען און אוועקצושטעלן אויפן לעבן"!

ר' יואל האט זיך נישט נאר באגענוגט

ער האט געלערנט מיט מיר מיט אן א שיעור סבלנות, ביז איין טאג איז עס געשען! די טויערן האבן זיך געעפנט,

און כ'האב פשוט אנגעהויבן פארשטיין און באקומען א טעם אינעם לערנען. כ'האב אליינס נישט געגלייבט ווי איך וויל לערנען אלץ מער און מער, און איך האב באקומען אן אמת'ן ליכטיגקייט אין די תורה".

"פון יענעם טאג האב איך זיך געזעצט צו לערנען, און כ'האב פשוט אנגעהויבן שפירן א שמחת החיים און אן אינערליכן סיפוק. דאס איז געווען דער ערשטער שליסל צו מיין הצלחה." היינטיגע טעג, ווען מען זעט ר' יואל זיצן און הארעווען מיט זיינע חברותות אין די פריע פארטאגס שטונדן אין דעם הערליכן פראכטפולן בית המדרש 'אור

"דאס איז געווען שובבי"ם. דער מלמד האט מיר גענומען צו זיך אינדערהיים, און

ער וויל לערנען מיט מיר איין שורה נאכן צווייטן, ביז איך וועל פארשטיין".

לאזן. ער האט זיך אבער איינגעעקשנ'ט און מיר געזאגט אז ער האט גענוג צייט, און אז

**• ממש אזוי? האסט געקויפט פאר זיין זון א דירה?**

"אוודאי, און איך האלט נישט אז דאס הייסט בכלל באצאלט. ער פארדינט זיך אסאך מער פון דעם. כ'האב געזאגט פאר זיין זון אמאל אז כ'האף אז ער וועט טון מיט אלע מיינע קינדער דאס וואס זיין טאטע האט געטון מיט מיר. אזוי קען ער זיך פארזיכערן מיט דירות פאר אלע זיינע קינדער..."

און דא ווענדט זיך ר' יואל מיט א בקשה צו די מלמדים וואס ליינען אט די שורות: "יעדער פון אייך האט זיכער אפאר יואלי'ס ביי זיך אין כתה, און עטס האטס נישט קיין השגה וואס די קינדער גייען אריבער. זיי דרייען זיך ארום אן

מיטן קויפן א דירה פאר דעם מלמד'ס זון,

נאר אין ליכט פון זיין אייגענער ערפארונג האט ער באשלאסן צו גרינדן א פרישן פראיעקט, און טוישן דעם מציאות אז א מלמד איז א נידריגער פארדינער. אויף זיין אייגענער אחריות האט ער אין אן היסטארישן שריט געמאלדן אז אין די סאטמארער מוסדות, וועלן אלע מלמדים און טיטשערס באקומען א דרייסיג פראצענט )!( העכערונג.

דאס איז געווען אן היסטארישע הכרזה וואס ר' יואל האט געלאזט הערן ביים גרויסארטיגן מעמד כ"א כסלו, און איז גאר גינסטיג באגריסט געווארן ביי אלעמען. יואלי אבער, זאגט מיר מיט א פשטות, "גלייב מיר אז כ'האב עס נישט



איך בין א גרויסער ביישן, און איך האב שוידערליכע 'אימתא דציבורא.' די ערשטע דרשה ברבים ביים גראנדיעזן סאטמארער מעמד יום הצלה והשחרור אינעם גיגאנטישן בארקלעיס צענטער

לעבנסגעשיכטע, הערט יעצט וויאזוי זיין לעבן נאכן חתונה איז צוגעגאנגען. הערט איבער דעם אינגערמאן, דעם נצרך וואס שלאפט אין די וויליאמסבורגער בתי מדרשים, וואס איז פארוואנדלט געווארן אינעם גרעסטן חרדיש'ן גביר וואס יעדער קען זיין נאמען אין שלאף.

ר' יואל איז געגאנגען פון איין ישיבה צום אנדערן, ביז ער איז אנגעקומען צו דער מאנטיווידעא'ער ישיבה, וואו דארט איז ער בשטומ"צ א חתן געווארן מיט די טאכטער פון הר"ר ישראל משה שטיין הי"ו, א זון פון הרה"ח הישיש ר' חיים יחזקאל שטיין שליט"א, וועלכער איז געווען דער הויז בחור ביים הייליגן סאטמארער רבי'ן זי"ע.

אנגעהויבן זיין לעבן האט ער מיט 1050$ אין טאש: "איך האב באקומען צו דער חתונה א טויזנטער פון עפעס א מאדערנעם קרוב. ביי אונז גיט מען נישט קיין געלט ביי חתונות, אבער ער האט מיר משום מה יא געגעבן אן ענוועלאפ. די אנדערע פופציג האב איך באקומען פון נאך עמיצן, און מיט דעם האב איך אנגעהויבן מיין לעבן.

פארשטייט זיך אז די ערשטע וואך נאכן חתונה האב איך זיך געטראפן מיט אן הוצאה פון 6000$, וואס דארט האב איך אפגעשוואנקען דעם

אבער נאר דער וואס האט טאקע נישט געהאט קיין דירה האט געקענט קוואליפיצירן צו באקומען דאס געלט. זיי פלעגן האבן אינספעקטארס וואס האבן געקוקט וואו דער וואס האט זיך איינגעשריבן צו באקומען די רענט-הילף שלאפט, און אויב האט זיך ארויסגעשטעלט אז יענער האט טאקע נישט קיין הויז איז

און נאך געדארפט בארגן פון א צווייטן דאס איבריגע.

"נאך אפאר וואכן, ווען כ'האב געזען אז איך האב אים נישט צו באצאלן, האב איך באשלאסן אז איך האב א מורא'דיגן ביזנעס געדאנק. איך האב ארויסגעפרינטעט בענטשערלעך, ארומגענומען מיט פלאסטיק, און עס אראפגעלייגט אויף טישלעך ביי די טירן פון עטליכע בתי מדרשים, און געשטעלט צום פארקויפן. יעדע נאכט פלעג איך קומען און נעמען דאס געלט וואס איז אריינגעקומען, כדי צו באצאלן דעם חוב.

"איך בין געווען א כולל אינגערמאן און כדי צו קענען אנגיין האב איך געמוזט זיין אויפגעסיינט אויף א רייע רעגירונגס פראגראמען וואס זענען געאייגנט פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין געלט. איינער פון די פראגראמען שטעלט צו געלט פאר רענט,

געטון ווייל כ'האב 'פארמעגן',
געוואלט אז יעדער זאל
מיר באגריסן דערפאר.
איך האב עס פשוט
געטון ווייל איך ווייס
פאר א פאקט אז ווען
נישט יענעם מלמד,
וואלט איך נישט דא
געווען היינט. איך האב
מחליט געווען אז נישט
נאר מיין מלמד זאל
וויסן אז ער פארדינט
זיך א געוואלד, נאר
יעדער מלמד און
טיטשער זאל וויסן און
פארשטיין אז מען שעצט
זיי באמת, און אז נאר
אין זייער זכות שטייט די
וועלט.

"איך האלט אז
מ'דארף אזוי טון
איבעראל. מ'דארף טון
וואס אימער מען קען צו
שעצן די ארבעט פון די
מחנכים. ס'איז באמת
נישטא קיין פרייז
דערפאר, און פארגעס
נישט אז דער מחנך איז
דער וואס האלט דעם
עתיד פון די קינדער ביי
זיך אין די הענט. ווען
מען ווייסט וויאזוי דאס
צו שעצן, בויען מיר
דערמיט פשוט די
קומענדיגע דורות, אין
פולן זין פוןווארט".

## פרק ד:

# דער אינגערמאן שלאפט אין שול

אויב האט איר
געמיינט פאר א רגע אז
דאס איז דער הויכפונקט
פון זיין

מען געווארן אפראווד.

כדי צו קענען באקומען דאס געלט בין איך געגאנגען שלאפן עטליכע נעכט אין שול, ביז איין נאכט זענען די אינספעקטארס טאקע אנגעקומען, און זעענדיג ווי איך שלאף אין שול האבן זיי מיר טאקע אנגענומען אינעם פראגראם, און קיין גליקליכער ווי מיר איז נישט געווען, אז איך האב באקומען דעם אויסגעגארטן טשעקל. אזוי האט זיך מיין לעבן אנגעהויבן."

**• א רגע, א רגע: יואלי לאנדא איז געשלאפן אויף די בענק אין בתי מדרשים!?**

"יא, אזוי ווי דו הערסט."

**• נע... אין וועלכן שול?**

"גלייבסט מיר נישט? אין ספינקא

פאציענטן און זיי לאזן טרוקענען אין

ווארטזאל אזוי לאנג.

"דער דאקטאר האט זיך



"דאקטאר, ברענג מיר אלע אינוואויסעס!"

"דער דאקטאר האט זיך גענומען לאכן, ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס איך בעט עס פון אים. "דו קענסט נישט קיין ענגליש בכלל", האט ער געשפעט פון מיר. "גיי אהיים און

באת". יא, ר' יואל ווייסט גוט פון וואו ער קומט.

ס'האט אבער נישט לאנג געדויערט ביז די הצלחה האט אנגעהויבן שיינען אויף א ווונדערליכן אופן.

## פרק ה:

## ביים דאקטאר אין צימער

דער ערשטער גרויסער שריט וואס ר' יואל האט אונטערגענומען - אויפן וועג פון ארימקייט צו עשירות - איז געווען אינעם ווארטזאל פון א ניו יארקער דאקטאר.

"דאס איז געווען ווען מיין בכור, יודעלע נ"י, איז געבוירן געווארן. מיר זענען געגאנגען צום דאקטאר, אבער ס'איז געווען דארט אן אבנארמאל לאנגע שורה מיט מענטשן. איך בין געזעסן דארט און זיך געביסן די נעגל פאר נערוועזיגקייט, און ענדליך ווען ער האט אונז שוין אויפגענומען, האב איך מיט א צוקראכענעם ענגליש אים געלאזט וויסן אז ס'האט נישט קיין שום זין צו מאכן ליצנות פון די

פארענטפערט, און ער האט געזאגט אז ס'איז דא א סיבה וואס כ'וועל נישט פארשטיין, וואס צוליב דעם קומט אויס אז ער דארף לאזן דעם עולםווארטן. איך האב אבער נישט געקענט איינהאלטן מיין נייגער, און כ'האב זיך אנגעהויבן בעטן ביי אים אז ער זאל מיר מסביר זיין וואס איז דער פשט דערפון. נאכן זיך איינבעטן עטליכע מאל האט ער מיר ארויסגעגעבן דעם סוד, אז די דאקטוירים וואס ארבעטן פאר די פובליק באקומען נישט געהעריג צוריק דאס געלט פון די אינשורענס, און דערפאר זוכט ער אריינצושטופן ווי מער פריוואטע קליענטן, ווייל אזוי מאכט ער דאס געלט פון זיי גלייך אויפן פלאץ, אן דורכגיין די גאנצע ביוראקראטישע אינשורענס פראבלעמען, וואס אין אסאך פעלער צאלן זיי בכלל נישט."

א פונק האט זיך

וואס ער איז געשלאפן אויף דעם קאלטן באנק אין ספינקא אויף בעדפארד. כ׳בין זיכער אז ער וואלט עס ווען אפגעקויפט פאר גוט געלט און עס איינגעראמט אין גלאז, שרייבנדיג דערויף ״דע מאין שול, אויף בעדפארד עוועניו.״

זעענדיג אז איך האלט נישט ביים גלייבן, נעמט ר׳ יואל ארויס זיין טעלעפאן און רופט אריין דעם עסקן ר׳ יואל שפיצער, וועלכער איז א מקורב ביים ספינקער רבי׳ן אין שטוב: ״יואלי, איינער וויל דיר דא עפעס פרעגן,״ זאגט ער מיט א שמייכל. איך נעם איבער דעם טרייבל און פרעג: ״האלא, יואלי לאנדא איז געשלאפן אין ספינקער שול אויפן באנק?״ - ״זיכער!״ שיסט ר׳ יואל שפיצער אויס מיט א געלעכטער. ״ווי קען איך דאס בכלל פארגעסן?״

יעצט גלייב איך שוין איינמאל. היינט צוטאגס, ווען ר׳ יואל לאנדא איז באקאנט אלס דער גרעסטער היימישער טפסר אלוועלטליך, הערט זיך די מעשה נאך אסאך אינטערעסאנטער: אן אינגערמאן דעקט זיך איבער מיטן טלית און לייגט זיך שלאפן צווישן די ספרים אין ביהמ״ד, בלויז צו קענען באקומען אפאר אפגעפליקטע דאלארן אויף צו צאלן רענט. ״איך האב באקומען אלע סארטן פראגראמען,״ זאגט מיר ר׳ יואל, ווען איך קען נישט כאפן אויב עס קומט פון סיפוק אדער אפשר גאר בושה. איין זאך איז זיכער, דער איד איז איין שטיק אויטענטישקייט...

יעצט, ווען א פלאטע דרייווערס און פילאטן זענען גרייט פיר און צוואנציג שעה אים צו טראגן און ברענגען וואו אימער ער איז איבער דער גארער וועלט, דערמאנט ער זיך אין יענע מינוטן

די נסיעה המרוממת פאר אלע וואס האבן זיך מקבל געווען זיך צו פירן בקדושת ביהמ״ד במסגרת קרן תוספות יו״ט



איך בין שטאלץ צו זיין א חלק פון די וואס ווייזן ארויס דעם רבינ'ס ניצחון אויף אמעריקע. ביזנעס איז נישט
קיין סתירה מיט רוחניות, פונקט פארקערט,
ס'איז אן השלמה

"האב איך דען געהאט עפעס
בעסערס צו טון בימים ההם?" לאכט
ר' יואל. "איך האב פשוט געמאכט
קאנעקשאנס, און בעיקר האב איך
זיך אליין געוואלט איבערצייגן אז
איך טויג צו עפעס. איך בין
אנגעקומען ביזן הויפט אינשורענס
אויפזעער, כ'האב זיך באקענט מיט
זיין קוזין, און צום סוף האב איך
איינגעקלאפט מיט א קאנגרעסמאן
וואס האט מיר געהאלפן. ס'איז
געווען א הימלישע געשיכטע".

און פון דארט האט זיך דער רעדל
אנגעהויבן דרייען: "צומארגנס האט
מיר דער דאקטאר גערופן און
געזאגט אז ער האט א שיינע פאר
חברים וואס מוטשענען זיך מיטן
זעלבן פראבלעם, און וואלטן
געקענט נוצן מיין הילף.

"איך האב עס גלייך אנגענומען,
און כ'האב גענומען זייערע פיילס
און מסדר געווען אז זיי זאלן אויך
באקומען באצאלט. אויף דעם וועג
האב איך זיך צוביסלעך
אויסגעלערנט דעם ביזנעס, און
כ'האב אויך אנגעהויבן רעכענען
פראצענטן דערויף. צוביסלעך האב
איך זיך אנגעהויבן ארויסדערזען פון
עניות".

איין שיינעם טאג האט ער
באשלאסן צו טון א בראווער אקט:
זיך אפהאקן פון אלע סארטן

...יואלי
...יך געטראפן

...עס,
...זייערע פיילס
...די שטאטישע
...אפיסעס עס צו

...ושמייכלט זיך
...מאנט זיך: "איין
...ר מיין ווייב
...ער פיצעלע
...זאגט אז 'איך
...ו זאלסט טאקע
...אכטן גרויס, לאז
...חלומות אין דעם
...דיינינג רום,
...ויס אן אפיס,
...בויען אן
...נעס'. אין
...איך געהאלטן
...תם אזוי נישט
...צו דעם אז איך
זיץ און ארבעט אין דיינינג
רום, און סך הכל

אנטשלאסנקייט, אויך יעצט
פינף און צוואנציג יאר
שפעטער. "איך האב געזאגט
פאר מיין ווייב: מיר שטעלן
אפ אלע רעגירונגס
פראגראמען ווייל מ'גייט
אנהייבן מאכן געלט אליין."

מרת לאנדא איז נישט
גלייך געשפרונגען פאר
שמחה, און זי האט פרובירט
בארואיגן איר מאן: "הייב
נישט אן אזוי פלוצלינג,
קענסט גיין צוביסלעך. איך
בין נישט זיכער אז גיין אויף
איין מאל איז די קלוגסטע
עצה."

אבער יואלי איז געווען
אנטשלאסן: "איך האב זיך
אליינס געזאגט, אז כל זמן
וואס איך בין א 'שנארער'
וואס לעבט אויף רעגירונגס
פראגראמען, וועל איך נישט
מצליח זיין אין לעבן. דאס
גייט מיר האלטן
פארמשכונ'ט צו באקומען
געלט פון דרויסן, און
ס'מאכט מיר פאר א קנעכט
פאר אנדערע. מיר קענען
נישט זיין קיין נצרכים"!

ר' יואל שטעלט זיך אפ
פאר א רגע און זאגט
"כ'האף אז דו פארשטייסט
אז איך דערצייל דיר עס
נישט סתם אזוי, דו קענסט
מיר שוין גענוג מיין איך.
דאס איז מיין פילאזאפיע
וואס פירט מיר מיין גאנץ
לעבן: זיין אנגעוויזן אין
אנדערע מאכט שוואך, און
זיין זעלבסטשטענדיג
פראדוצירט פרישע כוחות".

## פרק ו:

## פונעם בעיסמענט צו אן אימפעריע פון מיליאנען

דער ביזנעס פון די
אינשורענס געלטער איז זיך
צעוואקסן, מער און מער
דאקטוירים זענען
צוגעקומען, און דער

"איך בין געווען א
צוואנציג-יעריגער
אינגערמאן, איך האב
געוואוינט אין א
בעיסמענט אפארטמענט
און כ'האב באקומען
רענט פון א רעגירונגס
פראגראם. כ'האב
געברענגט פארן
דאקטאר מער געלט פון
וויפיל ער האט געזען
זיין גאנץ לעבן..."

נעם קעיר פון דיין
בעיבי!", אבער איך האב
זיך געעקשנ'ט ביז ער
האט זיך געבראכן און
מיר טאקע געברענגט א
פאלדער וואס האט
פארמאגט א גאנצן הויפן
מיט פארשטויבטע
אינוואויסעס.

ר' יואל, וואס האט
נאך דאן קיין האלבן זאץ
ענגליש נישט געקענט
ארויסזאגן, האט גענומען
דעם פאלדער מיט די
אינוואויסעס און
אנגעהויבן דורכגיין
איינס נאכן צווייטן.
ס'איז בעצם געווען אן
אוממעגליכע מיסיע,
אבער מיטן הילף פון
חברים, און ספעציעל
פון עמיצן וואס האט זיך
געקענט מיט א גרויסן
אויפזעער אין איינע פון
די רעלעוואנטע אפיסעס,
האט ער באוויזן דאס
אוממעגליכע.

"א חודש שפעטער בין
איך געקומען צום
דאקטאר מיט א טשעק
פון ניינציג אלפים,
געצאלט פאר ארבעט
וואס ער האט געטון די
פארגאנגענע פאר
חדשים." דער דאקטאר
האט זיך נישט געגלייבט
וואס זיינע אויגן זעען.

רעגירונגס פראגראמען. "איך האב
באשלאסן אז איך בין

**• וויאזוי האסטו דאס טאקע באוויזן?**

אויס נצרך", זאגט ר' יואל מיט אן

האט זי געוואלט כ'זאל זיך ארויסרוקן

## ״הער אויף מאכן א חילול ה׳״! האט יענער זיך געבייזערט. ״דו דרייסט זיך ארום מיטן פלאטשיגן ביבער הוט און לאנגן רעקל

פון דער היים אביסל, אבער כ'האב איר געפאלגט און געדינגען אן אפיס, און זייט יענעם טאג ארבעט איך מער נישט אין דער היים.

"איך זאג דאס פון טיפן הארצן, מיין ווייב איז אלעס וואס איך האב, אן איר השראה, און אן איר אמונה, און אן דעם וואס זי האט געגלייבט אין מיר, וואלט איך זיך נישט גערוקט קיין טריט. פאר איר קומט זיך דאס גאנצע קרעדיט, ווייל זי איז די וואס שטייט הינטער מיין גאנצע הצלחה. אייביג גיבט זי מיר חיזוק און שטיצע, און זי האט מיר געמאכט גלייבן אז זאכן וואס זענען אוממעגליך זענען בעצם יא מעגליך, און אז מיט אמונה אינעם אויבערשטן קומט מען אן אסאך העכער ווי וואס מ'וואלט זיך אליינס געגלייבט."

ס'איז נישט אלעמאל געגאנגען אזוי פליסיג. ר' יואל געדענקט גוט ווי א מאדערנער דאקטאר האט אים אמאל שארף אריינגעפארן: "הער אויף מאכן א חילול ה'"! האט יענער זיך געבייזערט. "דו דרייסט זיך ארום מיטן פלאטשיגן ביבער הוט און לאנגן רעקל. דו ביסט נישט קיין ביזנעסמאן. גיי זעץ זיך לערנען ענגליש און הער אויף מאכן א חילול ה'". האט יענער זיך 'געזארגט פאר כבוד שמים,' אריינהייבנדיג א פסק אינעם ענערגעטישן סאטמארער אינגערמאן וואס וועט אים נאך איין טאג איינשלינגען, און טאקע מיטן פלאטשיגן ביבער הוט און לאנגן רעקל.

"ס'איז אריבער צען יאר, און דער דאזיגער דאקטאר האט זיך געוואלט אויפסיינען צו איינער פון מיינע אינשורענס פירמעס. ווען כ'האב געזען דעם קאל האב איך אים גלייך געזאגט: 'דאקטאר, דאס בין איך מיטן פלאטשיגן ביבער הוט און דעם לאנגן רעקל, געדענקסט מיר'"? דער דאקטאר האט זיך געגעבן א רייס אויף און ארויסגעלאזט א שטימע וואס האט אפגעהילכט איבער גאנץ מאנהעטן... כ'האב אים דעמאלטס געזאגט: "אבער זאלסט וויסן דאקטאר, כ'האב זיך נאכאלץ נישט געלערנט קיין ענגליש"..."

ניין, נישט זיין פלאטשיגער ביבער הוט, נישט דער לאנגער רעקל, און אויך נישט דער צוקאליטעטער ענגליש האבן געקענט אפהאלטן ר' יואל'ן פון בויען א פינאנציעלע אימפעריע וואס איז סטאציאנירט אין די גרעסטע וואלקן-קראצערס פון ניו יארק, און ציט זיך איבער נאך אזויפיל שטעט און לענדער.

נישט נאר מאדערנע דאקטוירים האבן געלאכט פון ר' יואל'ן און זיינע ווייטע אמביציעס. ער געדענקט אויך גוט א פארצייטישן חסידישן גביר מיט וועמען ער האט אמאל געוואלט עפעס דורכרעדן. "ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב אריינשפאצירט אין א פריוואטע הויז", זאגט אונז ר' יואל. "ביז דעמאלטס האב איך נאר געקענט די הייזער וואס האבן אסאך דירות אין זיך, אזוי ווי איך בין אויפגעוואקסן אין מאנרא, און אויך אין וויליאמסבורג.

וואוינען אינעם וויזשניצער נורסינג האום אין בני ברק, און אויפן פארלאנג פון זיין מאמע שתחי,' פלעגט ר' יואל פארן איינמאל א חודש באזוכן דעם זיידן.

ס'איז שווער צו גלייבן אז די אלע באזוכער אינעם נורסינג האום האבן געוואוסט אז דער אמעריקאנער סאטמארער אינגערמאן וואס האלט דא אין איין באזוכן וועט נאך איין טאג זיין שגור בפיהם, אלס איינער פון די רייכסטע חרדי'שע אידן אין דעם דור, אבער די השגחה עליונה האט אירע אינטערעסאנטע וועגן פון פירן די בריאה.

זייענדיג אזוי אפט ביים זיידן האט זיך ר' יואל אנגעהויבן אינטערעסירן אין פארשידנארטיגע רפואה אנגעלעגנהייטן וואס זענען געווען רעלעוואנט, און ער פלעגט כסדר אויפקומען מיט געדאנקען וויאזוי צו פארבעסערן זייער סערוויס. ר' יואל פלעגט רעדן מיט דער פירערשאפט פון דעם נורסינג האום, און אזוי איז ער אריין אין דעם ביזנעס פון נורסינג האומס.

**• ווער איז למעשה געווען דער וואס האט דיר געעפנט דעם טיר?**

"אין אנהויב האט מיר יעדער איינער חושד געווען, און מ'האט מיר נישט געהעריג געטרויט," דערציילט ר' יואל, אויפעפענענדיג נאך א קעמערל זכרונות. "איך געדענק ווען כ'בין אמאל געגאנגען צו קעני ראזענבערג, און איך האב אים אנגעשלאגן א דיעל, און כ'האב אים

כ'האב אים געוואלט פרעגן אביסל הדרכה אין ביזנעס, און ער האט זיך צו מיר אנגערופן מיט זיין אונגארישן אקצענט 'אינגערמאן, קודם זאלסטו גיין לערנען ענגליש, נאכדעם קענסטו קומען צו מיר".'

די קומענדיגע סטאנציע אין וועלכער ר' יואל האט זיך אריינגעווארפן ראשו ורובו לעשות חיל, איז געווען מיטן חרדי'שן פילאנטראפ, קעני ראזענבערג, וועלכער האט מיט עטליכע יאר צוריק אפגעקויפט די 'אל-על' פירמע: געווען איז דאס אין די נורסינג האום אינדוסטריע.

דאס גאנצע אנקומען פון ר' יואל צום פעלד פון נורסינג האומס איז אויך איין גרויסער השגחה פרטית.

זיין זיידע הרה"ג ר' נתן פריעד זצ"ל האט געוואוינט אין בני ברק, און איז געווען א סגי נהור. ווען ער איז עלטער געווארן איז ער אריבערגעאנגען



רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געזא

געבעטן אז ער זאל אינוועסטירן. ער האט מיר אנגעקוקט מיט חשדנות. איך בין געווען א ניין און צוואנציג יעריגער אינגערמאן, אן קיין שום ביזנעס היסטאריע, און ער איז שוין געווען אן אלטגעזעסענער פיפיגער ביזנעסמאן. ׳מממ, כ׳מיין אז דו ביסט נישט געמאכט פאר דעם. דו קענסט נישט קיין ענגליש, דו האסט נישט געלערנט אין סקול, און דו קענסט נאך מאכן א גרויסער חילול ה׳׳, האט ער מיר געזאגט.

״גראדע פארשטיי איך אים״, שמייכלט ר׳ יואל. ״ס׳קען טאקע זיין אז פאר אן אמעריקאנער קאפ בין איך נישט געמאכט פאר דעם, און איך בין נאכנישט געמאכט פאר דעם ביזן היינטיגן טאג... איך האב זיך אבער נישט געהאלטן ביים אונטערגעבן, און נאך אסאך שווערע ארבעט וואס כ׳האב אריינגעלייגט, האב איך געטראפן מיין וועג אריין, און דער אויבערשטער האט טאקע געהאלפן אז איך, דער קרית יואל׳ער אינגערמאן, וואס האט זיך נארוואס אנגעהויבן לערנען ענגליש, זאל באקומען א ברכה פון שמים מעל.

די איבערגעגעבנקייט צום זיידן האט זיך אויסגעצאלט מיט פראצענטן, און אין יאר תשע״א האט ר׳ יואל געגרינדעט די ׳אלור גרופע׳ וואס האט אנגעהויבן אפקויפן און איבערבויען נורסינג האומס וואס האבן זיך געהאלטן בעפארן אפשפארן. אין יענע צייט האט מען זיך שטארק געוויטיגט אין א ספעציעלן סארט נורסינג האום בעטל, און די וואס האבן פארשטאנען דערצו זענען שטארק נתעשר געווארן, און אין שפיץ פון זיי איז געשטאנען נישט קיין צווייטער ווי ר׳ יואל לאנדא.

שפעטער איז ער געווארן א שותף אינעם אינוועסטמענט פירמע ׳דזשענעסיס העלטקעיר׳ וועלכע ווערט פאררעכנט אלס דער גרעסטער נורסינג האום אפערעיטער אין די פאראייניגטע שטאטן, האבנדיג העכער צוויי הונדערט און פופציג נורסינג האומס איבער גאנץ אמעריקע.

א טייל פון די נורסינג האומס וואס זענען ארויס פון ביזנעס האט ר' יואל פארוואנדלט אין ריעל עסטעיט דעוועלאפמענטס, און אזוי ארום איז ער אריינגעגאנגען אין דעם ריעל עסטעיט מארקעט. אין יאר תשע"ה האט ר' יואל אפגעקויפט א פיר-שטאקיגן נורסינג האום פאר פופצן און א האלב מיליאן דאלאר, און דערויף האט ער

ירושלים, האט דא אויך
אהערגעשטעלט די
פאכמאנישע שטיינער, און
אפילו דעם צעמענט מיט
וועלכן זיי זענען געקלעבט
געווארן האט מען אויך
געמאכט אין ארץ ישראל,
וויבאלד די אמעריקאנער
צעמענט טויג נישט צו די
ארץ ישראל'דיגע
געקליבענע שטיינער.

דער גיגאנטישער בנין
ציילט גאנצע
פינף שטאקן, און דאס בויען
אליין האט אפגעקאסט
העכער פערציג מיליאן

מען קוקט דערויף. כ'שטיי און איך
רייב זיך די אויגן צו פארשטיין אויב
איך בין בכלל אין די אמעריקאנער
ברוקלין, צי בין איך גאר
אריבערגעפלויגן קיין ירושלים
עיה"ק, נאר אן א פליגער.

די אויסערגעוועלנליכע שיינקייט
פון דעם מייסטערהאפטיגן בנין
שטראלט שוין פונדרויסן, זייענדיג
באלאכטן מיט לוקסוריעזע לאמפן
וואס באלייכטן יעדן זייט, מאכנדיג
אז ס'זאל אוממעגליך זיין דאס צו
פארפאסן אויך אינמיטן נאכט. אפילו
די גוים שטעלן זיך אפ באטראכטן
דעם הערליכן סטרוקטור און
באמבאסטישן בנין, וואס שטייט מיט
א שטאנדהאפטיגער פעסטקייט אין
צענטער פון ניו יארק. אנדערש ווי
אלע אנדערע, איז דער בנין נישט
צונויפגעשטעלט פון די רויטע ציגל
מיט וואס ברוקלין איז באקאנט, נאר
דא זעט מען די איידעלע ווייסע
ירושלימ'ע שטיינער פונעם עיר
שחוברה לה יחדיו, אויסגעשטעלט
לויט א הערליכן און אויגפארכאפנדן
מוסטער.

אויבן ביים שפיץ ביי ביידע זייטן
פון דעם בנין שטייען מיט גאלדענע
באלויכטענע אותיות בלויז דריי
ווערטער: "בית מקדש מעט." ניין,
עס שטייט נישט דער נאמען פון דער
שול, און אוודאי נישט פון דעם
אויסערארנטליכער נדבן, עס שטייען

נאר די דאזיגע דריי
ווערטער. עס איז זייער
קלאר אז דא ליגט פארהוילן
אן אינערליכער געבעט און
בענקעניש צום בית המקדש,
שיבנה במהרה. און אגב, די
שטיינער זענען נישט בלויז
אויס ווי ירושלימ'ער
שטיינער, נאר זיי זענען
באמת ספעציעל
אימפארטירט געווארן פון
ירושלים עיה"ק,
אריינרעכענענדיג אין זיך א
לאנגע רייזע אויפן ים, און
א קנאפע פיר מיליאן
דאלאר.

שפעטער האט מען
אויך אריבערגעברענגט
ספעציעלע בוי- מייסטערס
פון ארץ ישראל, נאכדעם
וואס ס'האט זיך
ארויסגעשטעלט אז נאר די
ארץ ישראל'דיגע
פארשטייען וויאזוי זיך אן
עצה צו געבן מיט אט די
שטיינער. יעדער שטיין
ליגט פונקטליך
אוועקגעלייגט אויפן
באשטימטן ארט. דער
זעלבער פאבריק וואס האט
ערצייגט די שטיינער פארן
גרויסן געבער שול אין

# פרק ז:

## ירושלים

## ד'וויליאמסבורג

ארויפגעצויגן גרויסע
וואלקנקראצער
געביידעס מיט דירות.
אביסל שפעטער האט ער
אפגעקויפט א נורסינג
האום אינעם לאוער
... מאנהעטן
וואנציג
און נאך
עמאכט
דערין,
ויזן צו
א
י און
דאלאר.

מע פון
א קייט

איבער
עדע
ווערט
אבער
אלעס

אין
רמע
אטע
פון אדוואקאטן,
בוכהאלטער, און
פראפעסיאנאלע
אינוועסטירער.
לעצטנס טוט זיך די
פירמע אויסברייטערן
איבער אייראפע, און
ר' יואל פליט טאקע
גאר אפט קיין לאנדאן,
נישט אויסלאזנדיג קיין
איין רייזע אן א מנין
פאר אלע דריי תפילות.
כ'בין זיכער אז
אסאך עלטערע אידן
וועלן זיך פרייען צו
זאגן פאר די
אייניקלעך, אז יואלי
לאנדא איז רייך
געווארן נאר צוליב
וואס ער האט זיך אלס
אינגערמאן
אריבערגעשלעפט
באזוכן דעם זיידן אין
נורסינג האום. דאס
גיבט א פרישן
פערספעקטיוו וויאזוי
דער באשעפער בלייבט
נישט שולדיג פאר דעם
וואס טוט חסד און
מעשים טובים, און איז
מכבד זיינע עלטערן
און אור-עלטערן, שלא
על מנת לקבל פרס.

כ'וואונדער זיך אויב איך בין בכלל אין ברוקלין,
צי בין איך גאר
אריבערגעפלויגן קיין ירושלים עיה"ק




אייך אויך געזאגט
אריבערצוקומען
אהער, אויף 89 טרופ
עוועניו אין
וויליאמסבורג, און זעט
פונדערנאנט דעם
גרויסן געביידע וואס
ווארפט א פראכט און
א כבוד ווי נאר

**דאס איז די שול, וועמענס לאמפן ווערן קיינמאל נישט פארלאשן, דער הערליכער און פראכטפולער בית מקדש מעט, אור חיים - ריבניץ**

דאלאר. אריינקומענדיג אין דעם געביידע אנטפלעקט זיך דער כבוד בית ה' אויפן שענסטן און הערליכסטן פארנעם וואס איז נאר שייך. א הערליכער ברייטער לאבי עמפאנגט דעם באזוכער, ווען פון אונטן דערקענט זיך די הערליכע קראנען. די וואנט שרייט פאר זיך אויף אן איידעלן אופן מיט גאלדענע ווערטער דעם מאמר חז"ל, וועלכער אילוסטרירט די גאנצע שול אין איין זאץ: "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל". אט דאס איז די אמת'ע ליבשאפט און פארבינדונג צו ירושלים אונזער היים, וואס מען זעט אין סאטמאר, אין אמעריקע.

פארקירעוועדיג זיך רעכטס טרעפט איר זיך אין א הערליכן ברייטן היכל התורה, וואס ווערט באנוצט אלס שול בלויז אום שבת. די ווענט פון אינעווייניג זענען אויסגעארבעט פון איידעלע מארמארשטיין, און אויף ביידע זייטן זענען פאראן גאלעריעס וואס דערמאנען די אכסדרות אין בית המקדש. לאנגע רייעס פון בענק און טישן ליגן אויסגעשפרייט איבער דעם היכל התורה, און אויך יעצט אין די פריע פארטאגס שעה'ן קלינגט שוין אפ דער הייליגער קול תורה פון דעם כולל חצות, וועלכער וועט אין געציילטע שעה'ן ערזעצט ווערן מיטן כולל בוקר, און דערנאך מיטן כולל לבעלי בתים וואס לערנען דריי גאנצע שעה'ן איידער זיי לאזן זיך ארויס אויפן האנדל וואנדל אין די ביזנעס וועלט. דערנאך וועט דא פארקומען א כולל פאר דיינים אין וועלכן עס זיצן די בעסטע קעפ וואס וויליאמסבורג האט נאר ארויסצוגעבן, ביז אויף די נאכט שעה'ן, ווען די אויסגעהארעוועטע כולל אינגעלייט וועלן אהיימגיין, אנגרייטנדיג דאס פלאץ פאר די חצות לומדים.

דאס איז די שול, וועמענס לאמפן ווערן קיינמאל נישט פארלאשן, דער הערליכער און ש בית מקדש מעט, אור חיים - ריבניץ.

הינטער דער שול געפינט זיך דער גרעסטער אוצר הספרים אין אמעריקע, האבנדיג א רייכן שלל פון צענדליגער טויזנטער ספרים אויף די פאליצעס. אין צענטער פון דעם 'אוצר' געפינען זיך הערליכע פון-האלץ-געשניצטע טישן, וועלכע פארמאגן א גרויסן שטיק גלאז פון אויבן, ארומגענומען מיט רייכע לעדערנע בענקלעך. פארשטייט זיך אז מען קען נישט אויסלאזן דאס קאווע שטיבל וועלכעס איז אקטיוו פיר און צוואנציג שעה א טאג, און דאס נאך איידער מיר לאזן זיך אראפ צום אונטערשטן שטאק זיך צו באקענען מיט די שטיבלעך און דעם מקוה. עס זענען פאראן פיר דאווען שטיבלעך, וואס יעדער פון זיי האט זוכה געווען נקרא צו ווערן על שם הצדיק פון די גדולי הדורות: דער בארדיטשובער שטיבל, דער ליזענסקער שטיבל, דער צאנזער שטיבל, און דער ראדאמסקער

טון מיט די ספרי קודש. לייג זיי אריין אין א שיינע שאפע, אזוי ווי מיר זעען אז עס איז געווען ביים ארון, וואס איז אויך געווען באדעקט מיט גאלד פון אינעווייניג און אויסנווייניג. פון דעם דארפן מיר זיך לערנען אז יעדע זאך וואס איז נאר סביב המצוה, מוז זיין אהערגעשטעלט מיט כבוד און פראכט". (ספר חסידים)

נו, אויב שטייט עס, שטייט עס דאך. איך גיב זיך אונטער. איך האב געעפנט איינס פון די לעדערנע תהלים'לעך, און כ'האב זיך גענומען זאגן מיט התרגשות דעם קאפיטל "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך", און כ'האב זיך אויף א רגע אנגעהויבן שפירן ווי א גביר.

## ליזענסק קארנער בארדיטשוב

עס איז באקאנט אז אין אלע שטיבלעך איבער דער וועלט וועט דער מסדר המנינים שרייען "מנחה אין חדר א,"! "מעריב אין חדר ב,"! אבער דא אין 'אור חיים' איז עס געגנצליך אנדערש. "מנחה אין ליזענסק,"! "שטעלט זיך א מנין אין ראדאמסק,"! און אזוי ווייטער. די הערליכע ספרים שאפעס אין אט די שטיבלעך זענען פאכמאניש אויסגעפארעמט לויטן מוסטער פון די מציבות פון די צדיקים וקדושים: דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, און דער הייליגער תפארת שלמה

שטיבל.

אלע סידורים, תהלים'ס, און חומשים אין דער שול זענען רייך איינגעבונדן אין לעדערנע בענדער, וואס אויף דער גאס וואלט זיך יעדער באזונדער פארקויפט פאר כאטש צוויי הונדערט דאלאר. "ר' יואל, דאס איז שוין איבערגעטריבן", זאג איך אים, זעענדיג די טייערע סידורים בענדער, "וואס פעלט דאס אויס? דאס נוצט מען ממילא פאר יארן לאנג און עס ווערט דאך פארוועטשט מיט דער צייט".

ר' יואל ענטפערט נישט, ער צייגט מיר נאר א ספר חסידים פון אינעווייניג, סימן רע"ה, וואס דארט שטייט קלארע רייד: "דער וואס איז מכבד דעם אויבערשטן זאל זען אויך מכבד צו זיין די חפצי שמים, און אויב האסטו גאלד און זילבער און דו לאזט זיך בויען א הערליכע שאפע, זאלסטו דאס זעלביגע

זי"ע. אזוי אויך טוען פיגורירן מיט הערליכע אותיות אויף די ווענט אין אט די שטיבלעך, ציטאטן פון אט די צדיקים איבערן חשיבות פון מכוון זיין ביים דאווענען. די מנינים צענטער דא שטעלט זיך אפ ביים סוף זמן תפילה, און אזוי אויך פארשליסן זיך די טויערן פונעם קאווע שטיבל. אויב וויל עמיצער דאווענען שפעטער ווי דער זמן וועט ער געצווינגען זיין אריבערצוגיין צו איינער פון די אנדערע שטיבלעך אין די מנינים צענטערן איבער וויליאמסבורג.

דער פראכטפולער מקוה טהרה וואס געפינט זיך נישט ווייט פון די שטיבלעך האט געכאפט מיין אויג, און אריינשפאצירנדיג דערין דאס ערשטע מאל האב איך זיך געוואונדערט אויב איך בין נישט אפשר בטעות אנגעקומען אין א לוקסוריעזן שוויץ ערגעצוואו. בכלליות איז דער גאנצער בנין עפעס וואס שטעלט אפ אויף לאנגע מינוטן, די הערליכע ארכיטעקטורישע מייסטערהאפטיגע ווערק, די אויסטערליש דעטאלירטע שניצונגען וועלכע דערמאנען לוקסורייכע האטעלן פון איבער דער וועלט, און אלסדינג אויף אזא הערליכן און מייסטערהאפטיגן פארנעם.

און דארט אינעם ליזענסקער שטיבל טרעף איך שוין ר' יואל'ן איינגעהילט אין טלית און תפילין, ווי ער פראווועט א ווארעמען אלול'דיגן שחרית, פינף אזייגער פארטאגס. דער מנין איז נישט גרויס, און דאס דאווענען ווערט געפראוועט במתינות. איך הייב אן עפעס צו לערנען פון דעם גרויסן גביר, אז כאטש אין זיין גביר'ישן מצב וואלט ער זיך רואיג געקענט ערלויבן אויפצושטיין ווי די 'בני מלכים', ערגעץ-וואו נאך די פרימארגן שעה'ן, האלט ער שוין יעצט ביים דאווענען שחרית, און דאס איז שוין נאך זיין טעגליכער פארטאגס חברותא, א בעלזער אינגערמאן אין ארץ ישראל וואס נוצט אויס די אינדערפרי שעה'ן ביי זיך, צו לערנען מיט זיין חברותא איבערן ים.

ר' יואל קומט אין שול אן זיינע טעלעפאנען, גענצליך אפגעהאקט פון דער וועלט. ער דאוונט מיט א געשמאק ווי ער לעבט אין א צווייטער וועלט, און אט ערוועקט זיך אין מיר א שטיקל קנאה געפיל, און נישט צו זיין געלט. מען זעט קלאר אז די ברכה צו וואס ער איז זוכה איז אויך אנגעהאנגען אין דעם וואס ער טוט דא יעדן פארטאגס. "דער טאג זעט





די קרוינען זענען פונקטליך און דעטאלירט
נאכגעשניצט  געווארן  פון ארכעאלאגישע
געפינסן וואס מען האט געטראפן אין אלטשטאט
ירושלים

לי שערי צדק'. אויפן פרוכת שטייט
דער נאמען פון הייליגן סאטמארער
רב זי"ע, טראץ וואס די שול זעלבסט
ווערט גערופן נאכן הייליגן צדיק פון
ריבניץ.

די קרוינען וועלכע זענען הערליך
אויסגעשניצט אויף די מארמארנע
זוילן ביים ארון הקודש, זענען
פונקטליך און דעטאלירט
נאכגעשניצט געווארן פון
ארכעאלאגישע געפינסן וואס מען
האט געטראפן אין אלטשטאט
ירושלים, נעבן דעם בית המקדש.
דער שול אנטהאלט נישט ווייניגער
ווי פינף און פופציג טויזנט
ירושלים'ער שטיינער וועלכע זענען
געברענגט געווארן מיט ספעציעלע
שיפן פון ארץ ישראל, אינאיינעם
מיט ארבעטער פונעם מיטל מזרח,
וועלכע פארשטייען וויאזוי זיך צו
באגיין דערמיט.

אין צענטער פונעם הערליכן דאך
ליגט א גרויסער שטיק וואס
פארשפרייט א געוואלדיגע
ליכטיגקייט, וואס דאס ארויפצולייגן
דארט האט געקאסט אנדערטהאלבן
מיליאן דאלאר. ר' יואל האט דאס
געזען אין א גאר לוקסוריעזן
צירונגען געשעפט אין מאנהעטן, און
ער האט באלד באשלאסן אז אזא
מייסטערהאפטיגער שטיק געהערט
צו באלייכטן זיין אייגענעם בית

...ערשט
...ט זיך דער

...ענען בין
...וו... אז יעצט
...צט וועל איך
...סגיין מיט ר'
...אנהעטן און זיך
...נדערנאנט מיט
...און
...ר זייט, נאכן
...עם
... פארטאגס
... מלא וגדוש
...עבודה. שטעלט
...רויס אז איך
...סן טעות
... יואל גייט
...מיר צום
...שטאק פונעם
... ער זעצט זיך
... אוועק לערנען
..., דאסמאל איז
דאס הר"ר ליפא פרידמאן
הי"ו, א זון פונעם
לעגענדארן סאטמארער
מנהל ר' משה מאנרא'ער.
פאר די קומענדיגע צוויי
שעה וועלן די צוויי זיצן
אינאיינעם

שטיבלעך וועלכע זענען
ליכטיג אויך אין די נעכט,
פונקט ווי אינמיטן טאג. דאס
אריינברענגען דעם סארט
ליכטיגקייט איז נישט
געגאנגען צופיס, און מען
האט געהאלטן אין איין
ארומטוישן ביז ווען מען
האט געקריגן דעם
פונקטליכן ליכטיגקייט
לעוועל פאר די שטיבלעך.

אויך אין ירושלים עיה"ק
זעלבסט האט ר' יואל נאר
לעצטנס געלאזט בויען א
הערליכן היכל התורה, אויף
רחוב שטראוס. דער פלאץ
איז אויסגערישט גאר
לוקסוריעז, און איז
אויסגעשטאטעט מיט
טויזנטער ספרים, און
ווירבלט פיר און צוואנציג
שעה א טאג מיט אידן,
תלמידי חכמים, וועלכע
קומען אהין שווימען אינעם
ים התלמוד. אן
אינטערעסאנטער
ספעקטאקל האט ר' יואל
באזונדער געכאפט, ווען ער
איז אמאל געזעסן ביי זיך
אין היכל התורה אין
ירושלים, און א בריסקער
איד האט זיך
אריבערגערוקט מיט א
גרויסן שולחן ערוך און אים
געזאגט "אנטשולדיגט, דאס
איז מיין מקום קבוע." ר'
יואל האט זיך פארשטייט
זיך אויפגעשטעלט פון
'יענעמס פלאץ' און זיך
אריבערגערוקט, ווען צו זיין
שמחה איז נישטא קיין
גרעניצן.

נו, יעצט איז געקומען די
צייט פאר
מיר זיך אויך
אוועקצושטעלן דאווענען
פארן בורא עולם, און זיך
אויסטון פון דער וועלט,
זייענדיג מתפלל צו דעם
פאר וועמען מיר זאגן דעם
"והעושר והכבוד מלפניך".
ווען דער מנין ענדיגט, יאגט
מען זיך נישט באלד ארויס,
נאר מען זאגט תהלים
אינאיינעם, און דערנאך
זאגט מען דעם יהי רצון און

און ארכיטעקטור, אבער
אין דעם בנין דערקענט
זיך עפעס העכערס. דער
געביידע שרייט ארויס א
געפיל פון ציפייה
לגאולה, צו ירושלים
עיה"ק. אינעווייניג
אינעם היכל הביהמ"ד
דערקענען זיך שטארקע
ענליכקייטן צו די גרויסע
בתי מדרשים
אינדערהיים אין
אייראפע, און אויפן ארון
הקודש ליגט
אויסגעקריצט דער פסוק
'פתחו

אויס אינגאנצן
אנדערש!" זאגט ער מיר
שפעטער,
איבערצייגנדיג מיר זיך
אויף אנצושליסן אין די
פארטאגס גווארדיע.
און ווי קענען מיר
ענדיגן רעדן איבער דעם
בנין הביהמ"ד אן
דערמאנען אז אין די
אויבערשטע שטאקן פון
דער שול געפינען זיך
נישט ווייניגער ווי פיר
און צוואנציג פולקאם
אויסגערישטע
פראקטפולע דירות,
געאייגנט פאר די
אינגעלייט וואס לערנען
אינעם דיינות כולל.
וויבאלד ר' יואל האלט
אז דער וואס איז עוסק
אין תורה זאל נאר זיין
פארנומען מיטן לערנען,
און ער קען נישט אויף
זיך נעמען סיי וואס
אויסערן עול התורה. די
אויסדערוועלטע פיר און
צוואנציג אינגעלייט
וועלכע וועלן דא
וואוינען וועלן נישט
האבן קיין שום סיבה זיך
אויסצוטון פונעם עול
התורה, און אויסוואקסן
די קומענדיגע גדולי
הדור.
איך פארשטיי עטוואס
צו דעזיין

מקדש מעט. אויף דעם אופן האט ער
באלויכטן דעם גאנצן שול,
אריינגערעכנט די

משפחה



די ארבעטער זענען פרייע, און אזוי אויך פילצאליגע גוים זענען איינגעשטעלט אין דער פירמע. די אלע

לוקסוריעזער און איקאנישער וואלקן- קראצער, וועלכער איז באקאנט ביי אלעמען אלס דער 'ליפסטיק טורעם'. פון דעם געביידע ווערט געפירט די נורסינג האום אימפעריע און די העלטקעיר נעטווארק וועלכע שטייט אונטער די פירערשאפט פון ר' יואל'ן. הויך ארויף אויפן אכט און ניין און צוואנציגסטן שטאק געפינען זיך די אפיסעס פונעם בארימטן 'פינטע קעפיטל פארטנער', וועלכער פארפיגט אויף א רייע פירמעס וועלכע האבן אונטער זיך העכער טויזנט נורסינג האומס, הונדערטער פארמעסיס, און נאך מאסן שעירס אינעם עולם ה'העלטקעיר. די פירמעס שטעלן זיך נישט אפ אין ניו יארק און פארמאגן שווערע ווערדפולע צענטערן איבער גאנץ אמעריקע. די גרופע אינוועסטירט טעגליך אין פרישע געזונטהייט פראיעקטן.

אריינקומענדיג אינעם געביידע הייבט מיר אן צו שווינדלען פאר די אויגן. דא זיצן העכער הונדערט ארבעטער: א מינימאלער טייל פון זיי חסידישע אידן, א גרויסע מערהייט זענען ליטווישע און מאדערן ארטאדאקסישע אידן, נאך א טייל פון

אפילו שווער נאכצוזאגן די נעמען דערפון, אבער די אלע זיצן געבויגן און הערן אויס די רייד פון דעם וואס זיצט ביים אויבנאן: א חסידישער אינגערמאן מיט לאנגע געקרייזלטע פאות, א וואלענעם טלית קטן מיט א גרויסן שווארצן קאפל. אן איד וואס האט קיינמאל אין קיין אוניווערזיטעט נישט שטודירט, און

ארבעטן פאר יואלי לאנדא, דער וואס דרייט זיך ארום צווישן די קארידארן ווי א פשוטער ארבעטער. ער דרייט זיך ארום מיט א ברייטן שמייכל צווישן די חסידישע ארבעטער, דעם גיט ער א גוטווארט, ביי יענעם קראכט ער א וויץ, און מיטן דריטן טוט זיך זיין שטערן פארקנייטשן רעדנדיג איבער א תכלית'דיגער אנגעלעגנהייט וואס האט זיך נארוואס געמאכט.

אין די יעצטיגע מינוטן טוט זיך פארמירן א וויכטיגע זיצונג פון די עקזעקיוטיוון, ווען ארום דעם טיש זיצן א רייע פראפעסיאנאלע אדוואקאטן און אקאונטענטס, אידישע און גוי'שע צוגלייך. איך טראכט אזוי צו מיר, אז ארום דעם טיש זיצן יעצט הונדערטער טויזנטער שעות פון שטודיעס און קאלעדזש. יעדער דא ארום דעם טיש פארמאגט א פראפעסיאנאלן לאנגן טיטל, וואס ס'איז

דער פלאץ איז אויסגערישט גאר לוקסוריעז, און איז אויסגעשטאטעט מיט טויזנטער ספרים, און ווירבלט פיר און צוואנציג שעה א טאג

בריתחא דאורייתא, און איבערנעמען דעם שול מיט זייער קול תורה. די חברותא'שאפט ארבעט אז זיי לערנען סוגיות: אנגעהויבן מיט ש"ס, דערנאך רוקט מען זיך אריבער צום רמב"ם, און דאן טור ושולחן ערוך, שולחן ערוך הרב, און משנה ברורה. אזוי ווארטנדיג האב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך געזעצט לערנען מיט עמיצן פון די לאנדא סוויטע א מאמר אויף 'אני לדודי' וואס מען פירט זיך צו זאגן אום חודש אלול.

און אצינד, נאכן אראפלייגן און פראוועו א פארמיטאג ווי נאר א איד קען, איז געקומען די צייט זיך אריבערצורוקן צום עולם העשייה. יא, ס'איז שוין צוועלף אזייגער, און ערשט יעצט לאזן מיר זיך אריבער צום צענטראלן ביזנעס צענטער פון דער וועלט, די שטאט מאנהעטן וואס געפינט זיך אינעם רוישיגן ניו יארק.

# פרק ח:

# א ביבער הוט אין מאנהעטן

אויפן דריטן עווניו, צווישן די דריי און פופציגסטע און פיר און פופציגסטע גאס, שטעקט זיך ארויס דער רייכער

משפחה

נארהאפטיגע מאכלים וואס ווערן דא
געקאכט. ר' יואל באמערקט ווי

אויף א וואונדערליכן אופן וואס מען גיסט אן דארפן האלטן דאס פלעשל מיט די הענט, כדי צו פארמיידן יין נסך פראבלעמען פון די גוי'שע מיטארבעטער.

"ר' יואל, דאס זענען זאכן וואס מ'זעט נישט אין ארץ ישראל", דרוק איך אויס מיין התפעלות פון וואס עס האט זיך

די לאנגע וואלענע ציצית אינדרויסן, דעמאלטס זאלט עטס וויסן אז איך האב געוויינען אמעריקע'! און איך בין שטאלץ צו זיין א חלק פון די וואס ווייזן ארויס דעם רבינ'ס ניצחון. ביזנעס איז נישט קיין סתירה מיט רוחניות, פונקט פארקערט, ס'איז אן השלמה! אויב פירט מען זיך מיט אן ערליכקייט און יראת שמים, און מען פארגעסט נישט ווער מען איז און פארוואס מען איז דא."

## פרק ט:

## מוחין דגדלות און א פריוואטער פליגער

זיך ארומדרייענדיג מיט ר' יואל'ן איבער די קארידארן פון זיינע הויפטקווארטירן, אנטפלעקט זיך אן אינטערעסאנטער און איינדרוקספולער בילד. דא גיט ער יענעם א קלאפ אין רוקן, מיט א צווייטן כאפט ער א הארציגן קורצן שמועס, דא און דארט הייבט ער אויף א טעלעפאן רוף אין וועלכן איך פארשטיי נאר פון די ציפערן אז מ'רעדט פון גרויסע דיעלס, און אינצווישן שפיר איך א גערוך פון

איך וואונדער זיך צו אנטשיידן וואס דא קומט פאר, און ער טראגט מיר אריבער צום קאך, אין וועלכן עס ווערט צוגעשטעלט עסן פאר אלע ארבעטער אין דער פירמע, וועלכע קומען שוין אט ארויס פאר לאנטש. דארט זיצט א משגיח, א בעלזער אינגערמאן וואס קומט צו פארן יעדן טאג פון בארא פארק, און ער ברענגט מיט זיך גרויסע שטיקער פון דעם סאטמארער פלייש געשעפט, און איז מפקח אויפן כשרות אין דעם קאך.

די אלע געקעכצן זענען נאר א חלק פון דעם גאנצן בילד. אין די צוויי שטאק אויף וועלכע די פירמע שפרייט זיך אויס זענען פארהאן זיבן קיטשנס, און דערין געפינט זיך יעדעס סארט עסנווארג וואס לייגט זיך נאר אויפן געדאנק, אנגעהויבן פון סושי, אריבער צו סתם סנעקס און סענדוויטשעס. אפילו ברוינפן און וויינען זענען דארט דא, אויסגעשטעלט



זי״ע, ווען ער איז
אנגעקומען קיין
אמעריקע,״ פארגעסט
נישט ר׳ יואל צו
דערמאנען דעם אין
וועמענס דרכים ער
איז מקפיד צו גיין.
״מענטשן האבן אים
געהאלטן אין איין
אפשוואכן און זאגן:
'אמעריקע וועט דיר
נאך געווינען, וועסט
זען,' ער האט זיך
אבער נישט
אפגעשראקן, און האט
געזאגט פאר די
יעניגע: 'ווען עטס
וועטס זען מיינע
אינגעלייט זיך דרייען
אין 47 סטריט מיט

מיר.
״אבער נאך
וויכטיגער פון דעם איז
דער פאקט,״ זאגט מיר
ר׳ יואל, ״אז כ׳האב
קיינמאל נישט אפילו
געטראכט פון זיך
׳צופוצן׳, כדי צו נושא
חן זיין דא אין
מאנהעטן. כ׳פלעג
האלטן אין איין זען
פארצייטישע גבירים
פון פריערדיגן דור
קומען קיין מאנהעטן,
מיט ארויפגעדרייטע
פאות און קורצע
רעקלעך, פרובירנדיג
צו בעאיינדרוקן די
אמעריקאנער גאס און
באהאלטן זייער
אידישקייט,״
דערמאנט ער זיך מיט
א שמייכל, כמעט
זאגנדיג נעמען... ״איך
האב קיינמאל נישט
אויסגעטון מיין לאנגן
רעקל, איך האב
קיינמאל נישט געלייגט
די פאות אונטערן
אויער, איך דריי זיך
ארום מיט
אראפגעלאזטע פאות,
און איך קום צו דער
ארבעט מיטן הוט און
רעקל, און דעם
חסידישן וואלענעם
ציצית מיינעם. איך
פרוביר זיך א גאנצע

הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ״ל אויף א באזוך ביי הגאון רבי נתן פריעד זצ״ל. א זיידע פון ר׳ יואל לאנדא

נארוואס אנטפלעקט פאר מיינע אויגן. ער איז מיר אבער מסביר אז דאס איז נאר א חלק פונעם וויזיע: "ווען יעדער פילט זיך דאס בעסטע וואס שייך, און ווען מען ארבעט מיט הרחבת הדעת, איז מען אסאך מער פראדוקטיוו."

ס'איז אן ערהאבן בילד מיטצוהאלטן ווי א חסידישער אינגערמאן דינט אלס בעה"ב פאר אזויפיל ארבעטער, א גרויסן טייל פון זיי נישט אידישע. און כאטש וואס זיי האבן פאר אים דעם גרעסטן מאס ביטול וואס איז נאר שייך, זייענדיג דער אייגנטומער פון אן אלוועלטליכער סוקסעספולער ביזנעס נעץ, דאך רעדט ער מיט יעדן בהכנעה, נישט ארויסצייגנדיג בכלל אז ער איז דא דער בעה"ב וואס קאמאנדעוועט איבער דעם גאנצן עסק. דווקא ער מיטן לאנגן רעקל און חסידישער טראגע איז יעדנס חבר. דא און דארט עפנט ער די פרידזשידערס

## איך בין שטאלץ צו זיין א חלק פון די וואס ווייזן ארויס דעם רבינ'ס ניצחון. ביזנעס איז נישט קיין סתירה מיט רוחניות, פונקט פארקערט, ס'איז אן השלמה!

צו זיכער מאכן אז ס'פעלט קיינעם גארנישט, און אויב באמערקט ער אז עפעס איז נישטא, ערלעדיגט ער אויפן סעקונדע אז ס'זאל מסודר ווערן.

אין די לעצטע יארן האט ר' יואל אויפגעהערט פארן מיט די גרויסע קאמערציאלע עראפלאנען. ער פארט נישט אפילו ביזנעס קלאס. וויאזוי דען? מיטן פריוואטן פליגער וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט. ס'וואונדערט מיר פון וואו דאס קומט, און פארוואס ער פירט זיך אזוי. איז דאס סתם געלט פאטשקעריי? אויגן שטעכעריי? זוכט ער אויפמערקזאמקייט? גיי פארשטיי, אבער ר' יואל איז מיר מסביר אז דאס איז גאר א פאליסי זיינער.

• **זאג מיר דעם אמת, פאר וועלכער** בארימטער מעיאר פארן מיט א פריוואטן פליגער?

"איינמאלדופארשטייסטדאס,לאמיר דיר ערקלערן. איך האב דא א טיפערן ענין, ווייל איך בין איבערצייגט אז ווען א מענטש פירט זיך אויף מיט א רחבות פאר זיך, ווערט ער אויטאמאטיש ברייט אויך פאר אנדערע אידן. איך קען גענוג און נאך גבירים וואס זענען שרעקליכע קמצנים, זיי רעכענען א פרוטה אויף א פרוטה, און זייער גאנצן לעבן טראכטן זיי נאר פון די ציפערן אין באנק, און ערלויבן זיך נישט גארנישט. הערט א חידוש, זיי אלע טיילן נישט קיין צדקות, זיי פארגינען גארנישט פאר יענעם, און אויב שוין יא איז עס אויפן זעלבן אופן ווי ווען זיי נעמען עפעס פאר זיך, מיט אן אנגעצויגנקייט, שלעכט, און אן קיין

דאס א הויפט ענין אויף וואס כ'וועל קיינמאל נישט מוותר זיין. ס'איז דאך באקאנט אז מנין איז איינער פון די הויפט זאכן וואס ברענגען שפע, און בכלליות, ווען מען פארט פריוואט קען מען אסאך מער נזהר זיין אין שמירת עינים, וואס דאס איז פשוט, נישט דארפנדיג זיין אויסגעשטעלט צו די שמוציגע לופטפעלדער און אלע מרעין בישין וואס מ'טרעפט דארט אלץ אן. אין איין ווארט: מ'דארף זיין אן ערליכער איד, און מ'קען זיין אן ערליכער איד און אויך לעבן ברייט, ס'איז ממש, אבער ממש נישט קיין סתירה."

"פונעם טאג וואס כ'האב זיך אפגעשאקלט פון אלע רעגירונגס פראגראמען האב איך זיך אריינגעלייגט אין א מצב פון 'מוחין דגדלות', און איך קוק אן יעדע זאך אויב עס איז בבחינת מוחין דגדלות אדער פארקערט. דער אויבערשטער גיט שפע לויט די כלים וואס מען גרייט אן דערפאר, און דערפאר איז מיין הויפט מעסעדזש: טראכט גרויס, וועסטו זוכה זיין צו גרויסע שפע מן השמים."

## דער מעיאר שטאט אפ א באזוך

כ'האלט אינמיטן דעם שמועס, און כ'לערן זיך פון די באצויבערנדע רייד פונעם נגיד, ווען אן איידעלער קלאפ הערט זיך אויפן טיר, און עס באווייזט זיך נישט קיין צווייטער ווי עריק עדעמס, דער

**סיבה פאסט פאר א חסידישן אינגערמאן ארומצופליען איבער דער וועלט מיט א לוקסוריעזן 'פרייוועט דזשעט?'**

ר' יואל ווערט נישט דערשראקן פון מיין שאלה: "כ'האב אסאך סיבות דערצו, אבער קודם כל לאמיר דיר נאר מסביר זיין, אז לדעתי האט דער רבש"ע באשאפן שפע אויף דער וועלט - נאר פאר אידן, און נאר אידן דארפן הנאה האבן דערפון. טראכט אריין, פארוואס האט דער רבש"ע באשאפן א מושג פון א פריוואטן פליגער? פארוואס מיינסטו אז ס'איז עפעס נאר געמאכט פאר גוים? אידן מוזן זיך עפעס אפהאלטן פון הנאה האבן פון שפע מן השמים? זייט ווען? פארוואס אויב דער אויבערשטער האט איינעם געגעבן שפע, און ס'גייט נישט אויפן חשבון פון צדקה, טאר ער נישט ברייטקייט. אזוי איז עס, ווען מען פירט זיך אויף ברייט פאר זיך, איז מען ברייט פאר יענעם, פינטל".

"אבער כ'האב נאך א סיבה, און דאס איז שוין א רוחניות'דיגע", ברייטערט ר' יואל אויס דעם הסבר איבער זיין פריוואטן פליגער, וואס איז געווארן א שם דבר ביים חרדי'שן ציבור. "ווען איך פאר קאמערשל, האב איך נישט די מעגליכקייט צו זיין אין קאנטראל פון די פלייט סקעדזשולס, און איך קען נישט זיכער זיין אויף הונדערט פראצענט אז כ'וועל אלעמאל האבן א מנין. ווען איך פאר פריוואט, קען איך אליינס אפמאכן ווען ארויסצופארן, ווען צוריקצוקומען, און איך קען עס אויסשטעלן אויף אן אופן אז כ'זאל נישט דארפן פארפאסן קיין תפילה בציבור, וואס ביי מיר איז



אלפים ביי א מעמד להעלות זכרון קודש פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע אינעם בית מקדש מעט היכל התורה "אור חיים"

פון ניו יארק. ס'קוקט נישט אויס ווי ר' יואל איז געווארן איבערגענומען פון דעם באזוך, קוים וואס ער שטעלט זיך אויף פון ארט. ער באגריסט שיין דעם מעיאר, וואס פארוואלט איבער דער גרעסטער שטאט אין אמעריקע, און פארמאגט אונטער זיך א בודזשעט און באפעלקערונג, כמעט אזוי גרויס ווי גאנץ ארץ ישראל. עס דערקענט זיך אז ר' יואל איז צוגעוואוינט צו די סארט באזוכן, און עס נעמט אים נישט איבער. ר' יואל זאגט מיר אז דער מעיאר האט געהאט באשטעטיגט דעם באזוך פון פאראויס, וויבאלד ער האט מיט אים א וויכטיגן ענין צו ערלעדיגן. איך ווער טיף בעאיינדרוקט פונעם צוגאנג, 'דער וואס

יארקער פאולס. "איך בין געוועזן דער בעסטער מעיאר פאר די אידן, און איך לערן זיך זייער אסאך פון די אידישע מנהיגים".

צוויי אזייגער נאכמיטאג שטעלט זיך דער אפיס אפ. די אידישע ארבעטער נעמען זיך צונויף אין איינעם פון די צימערן, מ'גייט זיך שטעלן דאווענען מנחה. ווי געשמועסט, איז ר' יואל גאר שטארק מקפיד אויף א מנין, און ער איז גרייט דערויף צו גיין ביז מסירת נפש ממש, אפילו אויב דאס וועט מיינען מיטשלעפן ניין אורחים אויף א וויכטיגן ביזנעס טריפ. ביזנעס איז ביזנעס, און אידישקייט איז אידישקייט.

זצ"ל, און ער פארמאגט די זעלבע שיטות ווי ר' יואל, אנבאלאנגט רוחניות אלס מקור צו שפע און הצלחה. מיר זיצן נישט מיט אים אליין, נאך א גרויסע פערזענליכקייט אינעם פירמע זעצט זיך צו, דאס איז ר' יחיאל לארפיעלד, וועלכער שטייט אין שפיץ פון דער עקזעקיוטיוו פירערשאפט אינערהאלב ר' יואל'ס ברייטפארצווייגטן ביזנעס. דער מחזה איז מורא'דיג: עס זיצט זיך א לעיקוואדער לארפיעלד, א ליטוויש- מאדערנער ר' אלי,' און דער חסידישער ר' יואלי לאנדא, און אינאיינעם טוט מען דורך ווי וויכטיג דאס איז צו פארטיילן גרויסע צדקות.

ווייל מיר האבן זאל מוחל זיין און קומען צו מיר,' און אויב איז עס דער מעיאר, קען ער אויך אריבערקומען.

נאך מנחה קומט פאר א שיעור תורה אין הלכות ריבית. אן אינגערמאן, א תלמיד חכם, ווערט ספעציעל געצאלט אריבערצוקומען אין אפיס און לערנען

**• וויפיל האלט איר אז מ'דארף געבן פאר צדקה?**

"מער פון פופציג פראצענט", רופט זיך ר' יואל אן מיט א פשטות.

איך נוץ אויס דעם געלעגנהייט, און איך באדאנק זיך פארן מעיאר וואס האט

זיך זייער שטארק ארויסגעשטעלט קעגן אנטיסעמיטיזם אין די לעצטערע

יארן. ער כאפט אריין דעם געלעגנהייט

און זאגט מיר: "ס'איז א גרויסע צרה אויב מאמדאני וועט מיר באזיגן אין די וואלן", זאגט ער מיר אויפן מוסלמענעם קאנדידאט וואס פירט אן מיט אן איבערוויגנדער מערהייט אין די ניו

מיט די ארבעטער. די ארבעטער אין אפיס טוען דורך דעם סוגיא מיט א

געשמאק, און אינאיינעם רעדט מען אין לערנען, פונקט ווי אין ביזנעס.

נאכן שיעור תורה זעצן מיר זיך אוועק

מיט הר"ר אלי' שוואב הי"ו, וועלכער איז דער אנפירער פון דער שוועסטער- פירמע וואס רופט זיך 'עיפעקס העלטקעיר פראפערטיס.' ר' אלי' איז אן אייניקל פונעם גאון רבי שמעון שוואב

**• און וואס איז מיט די תקנת אושא?**

"דו מיינסט אוודאי צו זאגן די תקנה

אז א מענטש טאר נישט געבן מער פון א חומש, ניין"? זאגט מיר ר' יואל.

**• יא יא, ס׳ווערט געברענגט אין גמרא**

**אז ר׳ אילעא האט געזאגט אז א מענטש זאל נישט מבזבז זיין מער פון א חומש, שמא יצטרך לבריות.**

יא יא, ס׳ווערט געברענגט אין גמרא אז ר׳ אילעא האט געזאגט אז א מענטש



געטריפלט. קענסטו מיר מסביר זיין פאר וועלכע סיבה איך זאל נאר טיילן א חומש?

"און בכלל, אויב ביסטו א ליובאוויטשער וואס לערנט תניא, וואלסטו געמעגט קענען דעם באקאנטן תשובה פון היילנגן בעל התניא אין אגרות קודש סימן י', וואו ער שרייבט דארט אז א מענטש וואס דארף זיך מתקן זיין דארף יא געבן מער פון א חומש, ווייבאלד דאס גייט דאך ארויף אויף רפואת נפשו, און אויף רפואה דארף מען געבן וואס מען קען נאר. נישט אזוי? אבער איך מוטשע זיך ארום מיט דעם וואס עס שטייט אין חז"ל אז מ'זאל נישט טיילן מער פון א חומש, ווייל 'שמא יצטרך לבריות.' איך זע דאך בחוש פונקט דאס פארקערטע - וויפיל מען גיבט, אלץ מער באקומט מען צוריק פון הימל. כ'מיין אז אויף דעם וועל איך שוין

מיר שרייען פאר די מדינת הציונות מוחל טובות.
א ריקוד ביים
מעמד חלוקת שקל הטהור אין ירושלים עיה"ק
ביומא דהילולא קדישא פון סאטמארער רבי'ן זי"ע

איינמאל און נאכאמאל, ביז ס'קומט אויס כאטש פופציג פראצענט פון וויפיל די פירמע מאכט.

יחיאל לארפיעלד, דער אקאונטענט, עפנט אויף אן עקסעל פון אלע ביזנעסער און פירמעס וועלכע ליגן צעשפרייט איבער אלע שטעט אין דעם גרויסן אמעריקע, און ער ווייזט מיר ווי יעדע צדקה ווערט אפיציעל איינגעשריבן, און יא, ווי וואונדערליך דאס הערט זיך, ס'איז מער פון פופציג פראצענט.

## פרק י':

## כ'בין נישט געקומען געבן מוסר

אצינד פירן מיר דעם שמועס צום

**תומך תורה דו ביסט, זייט וועגן קומט עס אז אן אמעריקאנער עושר זאל קומען איינטיילן עצות?**

"דו פרעגסט זייער גוט, און כ'וועל דיר ענטפערן", זאגט מיר ר' יואל מיט א האלבן שמייכל. "איך האב זיך נישט אליין איינגעטונקען אין דעם נושא, מ'האט מיר דא אריינגעברענגט. דעם פארגאנגענעם ווינטער האב איך געהאט דא ביי מיר א גרופע פון ראשי ישיבה, וואס האבן מיר געבעטן אז זיי ווילן אריבערקומען און אויסשמועסן דעם מצב פונעם עולם התורה, זינט די גזירת הגיוס האט ליידער אנגעהויבן שלאגן ווארצלען. זיי האבן מיר פערזענליך געבעטן מעומק לבבם אז כ'זאל אריינשפרינגען און זיי ארויסהעלפן אין

**מיליאנען פאר צדקה?**
"הארצווייטאג?
ווייטאג? ס'טוט מיר ווי
ווען איך גיב 'נישט'"!'

**שום הארצווייטאג ווען דו גיבסט אזויפיל**

מיר פארענטפערט ווערן". פירט ער אויס מיט א שמייכל.

דארפן ווארטן ביז 'תשבי יתרץ קשיות ואיבעיות,' אז עס זאל

**• דו ווייסט בכלל וויאזוי צו שעצן געלט?**

"פיין ווייס איך, און טאקע דערפאר טייל איך אויס געלט".

און דא וויקלט ר' יואל אויף זיין מהלך וואס ער האט זיך אויסגעארבעט, כדי נישט עובר צו זיין אויף דעם פריער דערמאנטן 'תקנת אושא.' עס ארבעט

ברענענדיגן חלק: דער רעטונגס ברעטל

וואס ר' יואל האט אנגעבאטן כדי צו ראטעווען דעם יהדות החרדית אין ארץ ישראל, און זיי ארויסשלעפן פון דער בלאטע אין וועלכער זיי האבן זיך געטראפן מיט דער ציוניסטישער מדינה.

**• דו האסט נישט קיין**

דעם ביטערן קאנפליקט וואס זיי האבן מיט די ציוניסטישע מדינה, וואס ווערט אלץ ערגער און ערגער ווי א טאג גייט פארביי.

"אין אנהויב האב איך זיי אלע אוועקגעשיקט און כ'האב זיך אנטזאגט פון זיך אפילו טרעפן דערוועגן. איך האב

אזוי אז קודם גיבט ער אראפ א חומש פון דעם גאנצן איינקונפט, נאך בעפאר'ן צאלן די שטייערן, און דערנאך גיבט ער אראפ מעשר דערפון, און אזוי טוט ער

**• יואלי, כ'גיי זיין זייער אפן מיט דיר.**

**מענטשן אין ארץ ישראל וואונדערן זיך און פרעגן, 'מי שמך לאיש'? אפגעזען וואס פארא גרויסער בעל צדקה און**

געהאלטן אז די אלע ארץ ישראל'דיגע ענינים איז גוט אז זיי זאלן בלייבן ביי זיך, אין ארץ ישראל. כ'האב עס אנגעקוקט ווי א פארלוירענע זאך, ווי מען זאגט דא אין אמעריקע א 'לאסט קעיס,' וואס

משפחה

זיי וועלן קיינמאל נישט פארשטיין די פשוט'ע זאכן וואס יעדער אמעריקאנער ביזנעסמאן פארשטייט. נאר נאך וואס כ'האב נישט אויפגעהערט צו באקומען טעלעפאן קאלס פון אלע זייטן, סיי אזעלכע וואס האבן מיר געבעטן סטראטעגישע הילף, און אויך די וואס האבן געדארפט סתם געלט, האב איך געזען אז דער רצון ה' איז אז איך זאל זיך דווקא יא אריינטון דערין, און כ'האב נישט קיין צווייי ברירות".

# כ'האב יעדן טאג מענטשן

וואס

# קומען מיר פרעגן טיפס

# אין

# ביזנעס. דער

# ערשטער טיפ

• **קודם לאמיר הערן, וואס שלאגט**

**איר זיי פאר בכלל?**

איך שלאג פאר זייער א פשוט'ע זאך. הערטס אויף זיך אליין אראפצוקוקן, און זיך אנקוקן 'כחגבים בעינינו,' און הייבט אן קוקן וואס מען קען יא אויפטון. כ'האב עס שוין אפאר מאל דערמאנט, אבער כ'וועל עס נאכאמאל דערמאנען. טראכט פון דעם צוואנציג-יעריגן יואלי, דעם ארימאן פון וויליאמסבורג, וואס איז אויפגעסיינט צו יעדן סארט רעגירונגס פראגראם וואס מען קען נאר האבן, און טאקע דערפאר לעבט ער ווי אן אפגעשליסענער שלעפער, ביז יענעם

# וואס איך גיב יעדן איז אייביג - גיב נישט אויף קיין כי הוא זה פון דיינע רוחניות'דיגע גדרים וסייגים

יעדער איינציגער מענטש אויף דער וועלט האט אלע מעגליכקייטן אנצוקומען גאר הויך."

לויט דעם שיטה ווערט הצלחה נישט

מהלך," ערקלערט ר' יואל. "אלעס ווענדט זיך אין דיר, אין דיין קאפ, און אין דיין קוראזש. גארנישט קען דיר נישט אפשטעלן פון גרייכן דיינע צילן, און

איז באזירט אויף וואס ער רופט "כח לעשות חיל" - דאס איז זיין אייגענע ווערסיע צו סוקסעס. "ס'ארבעט ענליך צום קאפיטאליסטישן אמעריקאנער

טאג וואס ער באשליסט מיט א פעסטע החלטה אז דאס איז עס, איך הער אויף נעמען די פראגראמען און איך הייב אן זיך זארגן פאר זיך אליין. איך וויל אויסנוצן די סייעתא דשמיא וואס דער אויבערשטער האט מיר געשאנקען נאך דער געשיכטע, און דאס מיטטיילן מיטן חרדי'שן אידנטום אין ארץ ישראל.

"מענטשן מיינען אז דעם סאטמארער רבי'נס אידעאלאגיע איז געווען נאר קעגן דאס נעמען די טריפה'נע געלטער פון דער טמא'נער ציוניסטישער רעגירונג. ס'איז גראדע אויך אמת, און דער רבי זי"ע שרייבט אסאך דערוועגן אין זיינע ספרים, וואו דארט ערקלערט ער זיין גאנצע שיטה בטוב טעם ודעת. איך דאגעגן, בין נישט קיין רב, און נישט קיין משפיע, און איך האלט אז מיין תפקיד אלס סאטמארער בעה"ב איז פשוט צו נעמען דעם רבי'נס שיטה, און עס אויסטייטשן אויף א פשוט'ן ביזנעס'דיגן אופן".

ר' יואל הייבט אן מסביר זיין די שיטה, פון זיין פערספעקטיוו אלס סאטמארער נגיד: "דער סאטמארער רבי זי"ע האט געזאגט איין פשוט'ע זאך: ווילאנג דו ביסט אנגעהאנגען אין אנדערע מענטשן, האסטו נישט קיין שום שאנסן צו גרעסער ווערן. ווילאנג דו זעסט אז ס'איז דא א גרעניץ ווי הויך דו קענסט גיין, קענסטו טאקע נישט וואקסן העכער! דו ביסט אנגעוויזן און אנגעהאנגען אין די אפגעפליקטע געלטער וואס מען גיבט דיר, און דו מוזט א גאנצע צייט זיין פארנומען זיך באדאנקען דערפאר, און דאס ארגסטע איז נאך אז דו האסט נישט קיין אייגענע מיינונג, ווייל דו דארפסט אויסהערן די דעות פון די וואס געבן דיר דאס געלט, און נאר ווען זיי באשליסן וועסטו יא אדער נישט באקומען. כאפסט? זיי, די ציוניסטן, וועלן אפמאכן פונקטליך ווען דו קענסט יא באקומען ביליאנען, און ווען זיי שפארן אפ אלע געלטער, און מיט דעם געלט וועלן זיי דיר אויך פאראויסשרייבן פונקטליך וואס דו דארפסט טון, און וואס דו דארפסט לערנען מיט דיינע קינדער, און וויאזוי דו זאלסט זיי מחנך זיין. און דו וואונדערסט זיך נאך וויאזוי מען איז אנגעקומען צו דעם שרעקליכן גיוס פלאנטער"?

## פרק יא:

### אין די דרכים פונעם באראן ראטשילד

דער מהלך המחשבה, ווי אויך די טיפזיניגע פילאזאפיע פון ר' יואל, גערעכנט לויט וויפיל יאר מען האט שטודירט, אדער לויט וויפיל פראפעסיאנאלע טיטלען מען האט זיך איינגעהאנדלט דורכאויס די יארן. דא קוקט מען נאר אויפן קוראזש, און אויף דער ברייטקייט פונעם מחשבה, און לויט וויפיל מען איז גרייט איינצושטעלן כדי צו מצליח זיין. "אין ארץ ישראל איז אלעס פארצויגן און ביוראקראטיש, אלעס דארף האבן אן אפיציעלן סטעמפל מיט א לייסענס," איז אונז ר' יואל מסביר דעם יסודות'דיגן חילוק צווישן דעם אמעריקאנער שפע און די ארץ ישראל'דיגע צמצום. "אין אמעריקע פרעגט דיר קיינער נישט וואו דו האסט געלערנט, עס אינטערעסירט קיינעם נישט וויפיל ערפארונג דו האסט. פארקערט, אין א געוויסן זין



כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים. טויזנטער פארזאמלט ביים פרעכטיגן מעמד הכנסת ספר תורה אויף די גאסן אין ירושלים עיה"ק

"כח לעשות חיל" שיטה ארבעט זיך אויס אינעם עולם המעשה. דער חסידישער אינגערמאן וואס זיצט אין שפיץ פון אן אלוועלטליכער ברייטפארצווייגטער פירמע, אין דער צייט וואס אלע געלערנטע פראפעסיאנאלן זיצן און הערן אים אויס, און פאלגן אויס זיינע אנווייזונגען, און לויט דעם וואקסט די פירמע ווי אויף הייוון, בסייעתא דשמיא.

"אין מיינע אויגן איז דאס א געוואלדיגער קידוש ה'," זאגט מיר ר' יואל, אדער 'דזשאול' ווי די נישט-אידן רופן אים אינעם ביזנעס וועלט. "אסאך גוים מיט וועמען איך דיעל האלטן מיר אין איין פרעגן, וויאזוי בין איך אנגעקומען וואו איך בין אנגעקומען, און דער תירוץ איז זייער קלאר. איך ווייז זיי מיטן פינגער צום הימל, און איך זאג זיי די דריי ווערטער 'כח לעשות חיל', אדער אין ענגליש - The power to prosper. דאס איז א געטליכער כח וואס מען באקומט פון הימל. אויב האט מען די ריינע אמונה, און מען גלייבט

מיט... איז כ'האב
...לעבן נישט
...עני צוליב
...ווען זיי
...א פרומער
...שער איד, האבן
...לו מער
...און זיי גלייבן
...טון מיט דיר
...זנעס".
...אס איז נישט

...נאר אויך כלפי
...ס זיין
..."לעצטנס,
...לכאורה, בין
...עטוואס
...כ'האב יעדן
...וואס קומען
...טיפס אין
...ערשטער טיפ
...יעדן איז
...נישט אויף קיין
...ן דיינע
...ע

וואס דער אויבערשטער האט יעדן איינעם געגעבן, דאן איז קלאר אז די הצלחה איז שוין ביים שוועל."

ר' יואל איז אויך אן אפטער באזוכער ביי קברי צדיקים, און ווען ער איז אין ארץ ישראל וועט ער אסאך אריבערגיין צום ציון פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי, און צום הייליגן אור החיים הקדוש. "תפילה עפנט אויף די שערים פאר הצלחה, און ווען מען האט אמונה אין די כוחות וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, אינעם אייגענעם 'כח', דאן קומט מען אן צום 'לעשות חיל', און מען טרעפט זיך מיט אויסטערלישע סוקסעסן, אסאך מער פון וואס סיי ווער האט זיך געגלייבט."

"ווען מען לעבט א גאנצע צייט אין א מצב וואס מען ווארט אז איינער זאל קומען ארויסהעלפן, בלייבט מען שטעקן דארט וואו מען איז. אזוי איז עס סיי אין ביזנעס, און אויך סתם אזוי אין לעבן. מען דארף פשוט גלייבן אין די כוחות וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן".

ר' יואל איז שטארק מקפיד זיך צו פירן מיטן 'ויגבה לבו בדרכי ה'," און זיין חסידישע גאווה און עזות דקדושה שענקט אים די אויסטערלישע כוחות אנצוקומען אלץ העכער און העכער, און דווקא אין דער גשמיות'דיגער ביזנעס וועלט. "ווען איך זיץ מיט גרויסע ביזנעסלייט, און כ'רעד דא פון די גרעסטע עשירים אויף דער וועלט, פרייע אידן און גוים צוגלייך, קום איך אייביג מיטן פולסטן עזות דקדושה, אנגעטון מיטן גאנצן חסידישן לבוש, מיין וואלענעם טלית קטן, מיט מיין תפילה בציבור, און א פשרה'לאזע שמירת עינים. גלייב מיר, און כ'זאג עס

יעדער קען דא מצליח
זיין אויב מען מאכט דעם
החלטה אז מען גייט
אריין אין ביזנעס. די
אמעריקאנער סיסטעם
גיבט פאר יעדן איינעם א
גלייכע געלעגנהייט
מצליח צו זיין".
און דער אמת איז, אז
ר' יואל אליין
איז א לעבעדיגער
ביישפיל וויאזוי זיין

באמת אינעם גרעניצלאזן כח
פונעם אויבערשטן, און אין די
אייגענע כוחות

לאכט מען דערפון אין די
פויסטן." "אין די
אמעריקאנער ביזנעס
וועלט
איז נאר דא איין זאך
וואס מאכט אויס, און
דאס איז פשוט: 'וואס
קענסטו דעליווערן,
וויאזוי טראכסטו, און
וואס האסטו שוין אלץ
געטון און דעליווערט.
צייג דיינע רעזולטאטן!'
מיט דעם צוגאנג קען
יעדער איינער באקומען
א געלעגנהייט, ווייל עס
אינטערעסירט באמת
נישט קיינעם אויב דו
האסט געלערנט צען
אדער צוואנציג יאר, און
דו וועסט קיין כבוד
נישט באקומען אויך
אויב דו האסט
געשווענדעט דיין גאנץ
לעבן אין נארישע
פראפעסיעס. דא אין
אמעריקע קען יעדער,
סיי דער רייכער
פארצערטלטער קינד,
און אויך דער
אפגעפליקטער דלפון
וואס שלאפט אונטער א
טלית אין ספינקער שול,

## פרק יב:

# דער אמת איבער די חרדים אין ארץ ישראל

אצינד הייבט ר' יואל אן רעדן איבער זיין אייגנארטיגע אבער אייזן-פעסטע שיטה איבער די חרדים אין ארץ ישראל, און זייערע פאליטישע פארבינדונגען און פראבלעמען, נישט איידער ער שטעלט קלאר: "איך וויל דו זאלסט פארשטיין, אז ווען איך רעד איבער דעם אז מען דארף טוישן דעם צוגאנג צו דער מדינה, רעד איך נישט פון א קנאי'ישער פערספעקטיוו, נאר דווקא פון א ביזנעס




יעדער ארום דעם טיש פארמאגט א פראפעסיאנעלן לאנגן טיטל אלע קעפ געריכטעט צום חסידישן אינגערמאן מיטן וואלענעם טלית קטן און לאנגע געקרייזלטע פאות

ווי סיי וועמען, עם גרויליגן

וואס 'גיבט גארנישט צו', און אויב אזוי ביסטו דאך שוין אויטאמאטיש גרייט אנצונעמען סיי וואסערע פשרה מ'וועט דיר אנטראגן".

• **אלס געלערנטער ביזנעסמאן, וויאזוי פרעגט מען אפ די טענה?**

"ס'איז זייער גרינג צו טראכטן פון א חרדי, און זיך פארשטעלן דעם ליטוואק פון בני ברק וואס די ציוניסטישע מידיא האט זייער ליב ארויסצוליייגן, אבער ווען מען קוקט אויפן גרויסן בילד שטעלט זיך ארויס אז דער חרדי'שער ציבור גיבט צו אן א שיעור! טראכט נאר אריין וויפיל געלט די היימישע מוסדות התורה ברענגען אריין פאר דער מדינה, מ'רעדט פון אסטראנאמישע ציפערן, און איך קען עס פון דער נאנט".

"וואו מיינסטו גייען אלע די געלטער? די מוסדות צאלן דערמיט זייערע ווענדארס, פאר אנדערע פירמעס. דאס איז געלט וואס האלט אונטער די גאנצע איזראעלי עקאנאמיע. איינער וואס לייקנט דאס איז פשוט א רשע מרושע און א כפוי טובה. מ'האט פשוט באוויזן איינצורעדן פאר די חרדים אין ארץ ישראל, אז עטס גיט גארנישט צו. ווער האט אפגעמאכט אז תורם זיין מיינט דווקא דורך צאלן שטייערן? און אגב, אויב ווילסטו באטראכטן ווען מ'רעדט פון די חרדים ווי כאילו ס'האנדלט זיך פון א גאנצער פראקציע אויפאמאל, זענען דא גענוג און נאך גרויסע היימישע חרדי'שע גבירים וואס מאכן ערנסטע געלטער, וואס זייערע שטייערן זענען אין די הונדערטער מיליאנען. זאלן די אלע ציוניסטישע פראפאגאנדירער אויפהערן האקן אין קאפ אריין! כ'מיין אז מ'האט גענוג און נאך קלארגעשטעלט אז די חרדים זענען נאך אזעלכע

גדולי הדורות:
"דער תכלית פון
עושר און הצלחה איז
דורכדעם וואס מען
שטרענגט זיך אן מיטן
לערנען, און מיר האבן
אפילו א דוגמא דערצו
אין אונזער דור, ווען
מיר זעען די ארעמע בני
תורה וואס שטייען אויף
פארטאגס און יאגן זיך
צום דאווענען, אבער דער המון עם

לערנט זיך נישט אפ פון זיי. אבער ווען מען זעט דעם באראן ראטשילד ווי ער קומט פרי אין ביהמ"ד צו שחרית, און אויפדערנאכט ווי ער קומט דאווענען מעריב, און ער איז מדקדק אויף אלע מנהגים און איז זיך מבטל צו גדולי ישראל, זייענדיג מכבד די תורה הקדושה, לערנט מען זיך פון אים אפ א גרעסערער מוסר, נאך אסאך מער פון טויזנטער תלמידי חכמים און גרויסע צדיקים". (דרשות כתב סופר)

צו א ציטאט פון דרשות
כתב סופר, אין וועלכן
ער שרייבט דארט מיט
קלארע דיבורים אז די
הנהגה פונעם באראן
ראטשילד, וועלכער איז
געווען פון די גרעסטע
גבירים אין זיין דור,
האט אן השפעה אויף די
פשוטי עם, נאך אסאך
מער פון די צדיקים און
קוק-ווינקל".

ר׳ יואל האט א הארבע טענה אויף דעם אנגענומענעם נאראטיוו אין דער ציוניסטישער מדינה, וואס אפילו די חרדים זענען שוין זעלבסט אפגענארט געווארן דערפון: "די מידיא האט באוויזן צו מאלן א בילד ווי כאילו דער חרדי׳שער ציבור גיבט גארנישט צו, און משום מה פארט יעדער מיט דערמיט. דאס איז שוין א געוואלדיגער הצלחה אויף דער ציוניסטישער זייט. ווייל יעצט, ווען דו הייבסט אן בעטן עפעס, שעמסטו זיך שוין, ווייל דו ביסט דאך דער פארטרעטער פון דער פראקציע

גדרים וסייגים".
און דא צייגט ער אונז

**• אבער פראקטיש גערעדט, דו ווייסט אוודאי וויפיל גור באקומט א יאר פון די מדינה. מ'רעדט פון א האלבן ביליאן )!( שקל, און דאס איז נאר פאר גור! דו האלטסט באמת אז זיי וועלן זיך קענען האלטן זעלבסטשטענדיג אן נעמען געלט פון די מדינה?**

ר׳ יואל צושמייכלט זיך ברייט: "נאך א מזל אז דו ביסט נישט געזעסן ביי אונזער הייליגן סאטמארער רבי'ן זי״ע אינדערהיים, ווען ער האט געמאכט זיין הייליגע און פעלזן-פעסטע החלטה אז ער וועט נישט נהנה זיין משולחן איזבל, און ער וועט זיי לאזן געמאכט מיט אלע

אריינגעדרייט דעם חרדי'שן
ציבור אין א שווערן
פלאנטער, ווען מ'דערזעט

אפילו דער ליובאוויטשער רבי האט געשריבן
אז אויף קיין פאל קען מען נישט רעקרוטירן קיין
בחורים אינעם ציוניסטישן מיליטער

**די מדינה'ס הילף? גיב נאר א קוק ווי די ליטווישע ראשי ישיבה שליט"א מוטשענען זיך אוועק אויפצוקומען מיט א נישטיגע הונדערט מיליאן דאלאר אין אמעריקע!**

"לאמיר דיר פרעגן פאַרקערט", בליצט ר' יואל אויף מיט א געדאנק. "דו האלטסט אז אין די לעצטע אכציג יאר האבן די ליטווישע גדולים געמאכט אמאל אזויפיל געלט? דו ווייסט אז ביי זייער ערשטן באזוך אין אמעריקע זענען זיי אהיימגעקומען מיט הונדערט מיליאן דאלאר! דאס איז א סכום וואס זיי וואלטן זיך נישט געחלומ'ט אמאל אויפצוקומען דערמיט. אלא מאי, וואס האט דא פאסירט? זיי האבן אויפגעשטעלט א קרן, און דאס קען מען אויסברייטערן און אויפארבעטן. דאס דארף דיר ווייזן פונקט דאס פארקערטע, אז ווען ס'איז דא אן אמת'ער רצון זיך אפצושאקלען פון די טריפה'נע געלטער, און מען האט אמונה, געשעען זאכן! דער פראבלעם

מען וועט אנהייבן טראכטן אנדערש, און אזוי אויך אויב די קולטור אין ארץ ישראל וועט זיך טוישן און מענטשן וועלן אויפהערן צו לעבן ווי שנארערס וואס זענען אנגעוויזן אין דער מדינה'ס געלטער, אדער אין די 'אמעריקאנישע' געלטער, וועלן אלע מוסדות קענען שטיין זעלבסטשטענדיג.

## פרק יג:

## די פייערדיגע גיוס קאמף אין ליכט פונעם מלחמה אין ארץ ישראל

לאמיר זיך צוריקדרייען א מינוט'קעלע צום ענין פון גיוס, וואס דארט האט ר' יואל א קלארע און שארפע וויזיע וואס דארף געזאגט ווערן, כדי פטור צו ווערן פון די ציוניסטישע אנשיקעניש וועלכע האט

ארבעט נאר כדי צו
קענען טיילן אסאך
צדקה, און דאס איז דער
רעצעפט צו מיין
סוקסעס. נעם דו
פרעגסט מיר איבער א
האלבן ביליאן שקל
וואס גור באקומט פון די
מדינה, דערמאן איך דיר
נאר מיין אייגענע
געשיכטע, און פון דעם
זאלסטו אליין האבן דיין
תירוץ: אלס אינגערמאן
האב איך נישט געהאט
קיין געלט צו גיין קויפן
אין גראסערי, אבער
ווען כ'האב געטוישט
מיין צוגאנג אין איין
רגע, האט דאס מזל
אויפגעבליט, און די
רעשט איז היסטאריע."

**• אין ארץ ישראל זענען דא**

**הונדערטער מוסדות התורה, ליטווישע, ספרד'ישע, חסידישע, און נאך. דער בודזשעט פון אלע מוסדות התורה איז**

מער, וועט זיך דער
גאנצער קולטור טוישן,
און נישט נאר אין גור,
נאר אלע מוסדות
התורה וועלן ווערן
מער זעלבסטשטענדיג,
און זיי וועלן אנקומען
צו א פלאץ וואס זיי
חלומ'ען ניטאמאל
דערפון היינטיגע טעג".
"דער רבי זי"ע האט
געזאגט פאר
זיינע מענטשן: 'אויב
וועט איר טיילן אסאך
צדקה, וועט איר דארפן
האבן אסאך געלט,
ממילא וועט איר
ארבעטן שווערער,
אינוועסטירן, און אזוי
וועט איר האבן מער
געלט צו טיילן צדקה'.
איך, אין מיין ביזנעס,
איז נישט אז ס'איז נישט מעגליך, ס'איז
פשוט זייער א פארקרומטער וועג פון טראכטן.
"אז דו פרעגסט מיר, איז דער ענטפער

אינטערוויו, וואס"?
"און צו דיין שאלה
אויב גור וועט זיך
קענען אליין האלטן,
דער אמת איז אז יא.
קען זיין אז נאכנישט
היינט, אבער
ס'עקזיסטירט אזא
מציאות. אויב די
גערער גבירים וועלן
זיך איבערשטרענגען,
און די אלע בעלי בתים
אין גור וועלן מחליט
זיין אז זיי ווילן ווערן
גבירים כדי צו קענען
אונטערהאלטן די
מוסדות, און ס'וועט
געשען - אזוי ווי אין
סאטמאר - אז ס'וועט
זיין א פארמעסט
צווישן די בעלי יכולת
ווער עס קען געבן
זידנישטמיט קיין אמת'ער לעזונג ארויס:
"מען טאר בשום אופן נישט ארויסצייגן
קיין שום שוואכקייט. פונקט ווי די
טריפה'נע מיליטער האט זייער קלאר

זייערע געלטער. אויב
וואלסטו דארט געווען
און געפרעגט אט די
נארישע שאלה, וואלט
זיך דאך קיינמאל נישט
אויפגעשטעלט די ריזיגע
אימפעריע פונעם עולם
התורה אין אמעריקע,
וואס גייט אן נאר דורך
היימישע געלטער אליין.
ס'איז אויך א נס אז מיין
ווייב האט דיר נישט
ארויסגעהערט ווען זי
האט מיר געזאגט אז
כ'זאל אפשר נישט
אויפהערן נעמען אלע
רעגירונגס פראגראמען
אויפאמאל, ווייל ס'קען
זיין אז כ'וואלט געבליבן
א שנארער, און וואלסט
מיר קיינמאל נישט
נאכגעלאפן פאר אן

פארשטאנען אז ס'איז נישטא קיין שום וועג פאר זיי צו באווייזן ארייצוּשלעפן היימישע מיידלעך אין מיליטער, דארפן זיי פארשטיין אז דאס זעלבע איז מיט די ישיבה בחורים. ביז יעצט האבן די חרדי'שע חברי הכנסת און זייערע 'גדולים' געהאלטן אין איין אויספאפן די מדינה, און געדרייט מיטן צונג א גאנצן צייט ווייזנדיג אז 'בעצם ווילן זיי יא זיין א חלק פונעם מדינה, אויסזויגן גרויסע געלטער פון דער מדינה'ס קאסע, און האבן א פירנדער טייל אינעם כנסת המינים, אבער זיי קענען פשוט נישט ברענגען קיין בחורים פארן מיליטער.'

היינט צוטאגס מוז זיך דאס דרינגענד טוישן, די חרדים דארפן ווייזן אן עקשנות'דיגן רוקן און זאגן: כ'דארף נישט פון ענק גארנישט, כ'נעם נישט פון ענק גארנישט, האט זיך זיין אייגענעם תפקיד, און דאס איז נישט עפעס וואס מיר טוען פאר דער מדינה. פינטל! כ'פארשטיי בכלל נישט וואס דו פרעגסט דא, ס'איז דאך קלאר געווען אלע יארן אז חרדים גייען נישט אין מיליטער. ס'האט דאך נישט קיין שייכות מיט סאטמאר. אפילו דער ליובאוויטשער רבי האט געשריבן אין תשכ"א אז 'זיי האבן נישט קיין שום רעכט צו ארייַנשלעפן בחורים אין מיליטער, און אז מיט די תורה זענען זיי מגין אויף דער מדינה'. אזוי האט ער - דער ליובאוויטשער - געשריבן. וואס ביי אונז אין סאטמאר איז דער שיטה, האף איך אז דו זאלסט נאך איין טאג פארשטיין בכלל... אבער כ'מיין ארויסצוברענגען אז מ'האט קיינמאל אין היסטאריע נישט געהאט די חוצפה צו מגייס זיין ישיבה בחורים, איז פארוואס האנדלט מען דא בכלל?

ישראל בני מלכים הם. טויזנטער 'בני מלכים'
פארזאמלט אונטער איין דאך ביים מעמד אדיר במסגרת
'שטענדערל' דעם פארגאנגענעם חוה"מ פסח

פערספעקטיוו: "ס'האט גארנישט מיט קנאות בכלל. אויב ווילסטו זיך האלטן ביי דיינס, דארפסטו צוקומען פון א פלאץ אין וועלכן דו ביסט שטארק. איך רעד דא צו ענק אלס א חסידישער אינגערמאן וואס טוט אסאך ביזנעס, און איך מיין אז איך פארשטיי היבש גוט צו דיעלס. איך לעב אין א וועלט וואס מ'דארף נישט ארבעטן שווארץ אויב מען האט לאנגע געקרייזלטע פאות, אנדערש ווי ביי ענק אין דער אזוי גערופענער מדינה, און כ'זאג ענק אז מ'דארף נישט אויפגעבן אפילו אויפן קלענסטן זאך פון אידישקייט כדי אויפצוטון וואס מ'דארף אויפטון"!

"בכלל", טענה'ט ר' יואל, "איך האלט אז דער גאנצער גיוס נושא האט נאר איינגעלייגט מיט גדולי ישראל. ס'האט גארנישט איינגעשטויסן מיט פאליטיקאנטן, און זיכער נישט אזעלכע



**• אבער ר' יואל, איר ווייסט דאך**

**אוודאי וואס איז פארגעקומען מיט צוויי יאר צוריק שמחת תורה, נישט מער געדאכט, זיי שרייען צו אונז אז זיי דארפן האבן נאך סאלדאטן פארן מיליטער, און אן די חרדי'שע בחורים וועט נישט זיין ווער ס'זאל אפהיטן די גרעניצן.**

"דער תירוץ איז: אנטשולדיגט, יעדער

גארנישט!

האסט אמאל געהערט עמיצן זאגן 'האלא, אפשר ביסטו מחלל שבת נאר צען פראצענט, אדער נאר פון פירע ביז פינעווע נאכמיטאג?' ס'לייגט זיך דאך נישט אויפן שכל אזא זאך! און גענוי דאס זעלביגע איז ביי גיוס בני הישיבות."

ר' יואל שטעלט נאכאמאל קלאר אז דאס איז נישט קיין פאליטישער שטאנדפונקט, נאר א פשוט'ער ביזנעס

א גרויסן זערא,

און איך געב ענק אויך - דורכגעפאלענע צרה-לייט וואס האבן נאך גארנישט געברענגט צום טיש חוץ חרפות און בזיונות פארן חרדי'שן ציבור וואס וויל זיך האלטן אפגעהיטן. וויאזוי קען מען געבן פאר אזעלכע נידריגע עלעמענטן צו פירן א 'משא ומתן' איבער די תורה הקדושה? זייט ווען עקזיסטירט אזא זאך? אויף די תורה זענען נישטא קיין פארהאנדלונגען! און אגב, יעצט

**היינט צוטאגס מוז זיך דאס דרינגענד טוישן, די חרדים דארפן ווייזן אן עקשנות'דיגן רוקן און זאגן: כ'דארף נישט פון ענק גארנישט, כ'נעם נישט פון ענק גארנישט, און איך געב ענק אויך - א גרויסן זערא, גארנישט!**

מיטטיילן אפנהארציג וואס עס האט אים געטראגן אין זיינע ערשטע יארן זיך דרייענדיג איבער די רוישיגע מאנהעטענער גאסן. "ווען איך האב זיך געדרייט מיטן הוט און רעקל, און צוקראצטער ענגליש, האב איך זיך דען נישט איבערגעקערט טויזנט מאל אינעווייניג? זיכער אז יא! אבער כ'האב אלץ געהאלטן פאר די אויגן 'מאין באת ולאן אתה הולך'. איך האב נישט געזוכט קיין חברים אין מאנהעטן, כ'האב נישט געוואלט ווערן א חלק פונעם ביזנעס קולטור דארט, און כ'האב נישט געזוכט קיין אונטערהאלטונג. איך בין אנגעקומען בלויז פאר ביזנעס, און דאס איז אלץ וואס כ'האב געדארפט. איך האב געוואוסט אז די ביזנעס וועלט איז נישט גרינג, און ווי מער איך וועל זיך האלטן אין איין דערמאנען און געדענקען אז איך בין דא נאר פאר ביזנעס, און פאר ביזנעס בלויז, וועל איך מער מצליח זיין."

"כ'וויל נישט יעצט אריינגיין אין דעם גאנצן שיטה אויב ס'איז 'אסור להשתתף' אדער נישט, אבער ס'איז קלאר אז די שאלה דארף געפרעגט ווערן. פארוואס

גיוס שטורעם, אבער דאס איז טאקע וויאזוי מען פירט זיך ווען מען זיצט אין אזא פארדארבענער מקום פאר יארן לאנג. 'ונהיה כחגבים בעיניהם', מ'מאכט פון ענק ליצנות, עטס טראכטס נישט ווי גראדע ביזנעסלייט, און דאס זענען די פארשעמענדע רעזולטאטן.

"הערט אויף לעבן ווי שנארערס!" זאגט ר' יואל איבער זיין מאטא, וואס איז גילטיג סיי אין ביזנעס און אויך אין ציבור'ישע אנגעלעגנהייטן. "איך דערמאן ענק נאכאמאל מיין מעשה, אן אינגערמאן וואס האט זיך געלייגט שלאפן אין ספינקער שול פאר אפאר דאלאר, ביז ער האט זיך געכאפט אז ווילאנג ער איז אנגעוויזן אויף רעגירונגס פראגראמען, וועט ער קיינמאל נישט מצליח זיין".

"מ'וואלט נישט געדארפט האבן די חכמה פון שלמה המלך צו פאראויסזען דעם מצב פון היינט, אז יעדער חרדי'שער בחור דרייט זיך ארום ווי כאילו ער איז א לאנג געזוכטער פארברעכער. דאס געשעט ווען מ'ארבעט נישט קלוג, ווען מ'ארבעט נישט צוזאמען, און ווען מ'גלייבט אליינס נישט אז מ'דארף זיך האלטן צו די אייגענע ווירדן און צו די תורה הקדושה".

"וואס מיינסטו?" טוט ר' יואל

**סייעתא דשמיא. ■**

איז מען דארט אין דעם כנסת המינים? צו האלטן די עקסטרעמע רעכטע מתגרים באומות? ארויסצוהעלפן דעם קארופטירטן ראש ממשלת הכופרים פון שמאכטן אין טורמע? אדער אפשר גאר זענען די לעדערנע בענקלעך זייער באקוועם? פאר פארקינג אין מירון אויפן בארג? מ'האט אונז דאך איינגערעדט אז די חרדי'שע חברי הכנסת זענען דארט צו היטן אויפן עולם התורה, און זיך צו זארגן פארן חרדי'שן ציבור. איז דאס דען נישט דער ציל? אויב אזוי, איז נישטא קיין שום תירוץ שבעולם, האלטס ענק דערצו!"

**דער פילאנטראפ וואס האט אנגעהויבן זיין לעבן מיט טויזנט דאלאר אין א בעיסמענט אין וויליאמסבורג, און האט זיך ארויפגעדראפעט צום שפיץ פון דעם הצלחה'דיגן לייטער גיט אונז איין מעסעדזש: הערטס אויף זיין שנארערס! הערטס אויף ווארטן אז איינער זאל ענק ארויסהעלפן! דער ערשטער טריט אין ריכטונג פון סוקסעס איז פשוט אנצוהייבן גלייבן אין זיך אליין, טוישן דעם מהלך המחשבה, ארבעטן אויף די קוראזש און שטארקייט, און פארשטייט זיך נישט אויפצוהערן בעטן פאר אסאך**

וועלכע סיבה קימערט מען זיך בכלל ווען מ׳זאגט זיי אז מען דארף אפשטופן דעם משא ומתן אויפן גיוס, ווייל מ׳גייט אטאקירן אין איראן!?

א גערייבענער פאליטיקאנט וואס פארשטייט צו דיעלס וואלט געענטפערט ׳נו גוט, איז לאמיר יעצט ענדיגן און פארהאנדלען און הערשט נאכדעם זאלסטו אטאקירן איראן׳. אויב וואלטן זיי אזוי געטון, גלייב מיר, וואלט מען שוין פונלאנג געהאלטן נאכן גאנצן דיר׳ וואס וואלסטו געטון? וואלסטו נישט אויסגענוצט דעם פאקט אז ער מוז יעצט האבן א דיעל, צו פארזיכערן אז דער דיעל איז הונדערט פראצענט גוט פאר דיר? וואלסטו בכלל געטראכט פון יענעם? זיכער אז נישט, ער איז דאך אזוי אנגעוויזן דערין. פארוואס לאזן זיך די חרדי״שע חברי הכנסת פון די אלע פארפירערייען וואס די ציוניסטן רעדן זיי איין? פאר קענט איר אלע זען אז דער גערער רבי האט נאך געטון די קלוגסטע זאך.

יעצט איז נישטא קיין שום משא ומתן, און איך בין זיכער אז דער חרדי״שער עולם התורה וועט נאך געווינען וועגן דעם".

״סתם אלס ביזנעסמאן וויל איך דיר פרעגן, ווען איינער קומט צו דיר און זאגט ׳איך בין מורא׳דיג געדרוקט און אנגעצויגן, איך מוז מאכן א דיעל מיט



משפחה